בס"ד

# קובץ כל ספרי כשרות

# חלק י"ט

## שער כללי

בס"ד

# קובץ ספרים בעניני כשרות

מיסודו של הגה"צ רבי שלום יהודה גראס,
כ"ק מרן אדמו"ר מהאלמין שליט"א
**Rabbi Sholom Yehuda Gross,**
**the head of the Rabbinical court of Holmin**

לקבלת "קובץ ספרים בעניני כשרות" 26 כרכים בחינם: -
לרבנים, מנקרים, שוחטים, בודקים, ומנקרים, וכוללים,
נא להתקשר למנהל "חברה מזכי הרבים העולמי" הרב אברהם ווייס,
בבית המדרש "עטרת ישעיה"
רחוב נחל לכיש 24/3 - רמת בית שמש ארץ ישראל
**011 972 548 436 784**

# קובץ ספרים בעניני כשרות

בו נקבצו מאות ספרים וקונטרסים אשר תוכנן רב גווני
שלא נראה עדיין כבושם הזה.

עשרים ושש אלף

26.000

הן הענינים הנידונים בקובץ הזה ומהם:

אטליז - אכילה - דגים - הכשרים - חלב עכו"ם - כשרות - שחיטה - בדיקה - בדיקה מתולעים - ניקור - מליחה - משגיחים - קצבים - רבנים - ועוד.

אשרי שיאחז בהם, לעולם לא ימוט עדי יבנה חרבות אריא-ל, כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א-ל, (סוכה מה:).

יצא לאור על ידי "וועד הכשרות"
ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות, באמצעים של בירור, חקירה ודרישה, התיעצות, הודעה, והצעה

הוצאת אמונה פאבלישינג, ירושלים עיה"ק שנת תשס"ו לפ"ק

## שער כללי חלק י"ט

**10 ספרי מדריך לכשרות - 226 עמודים - חלק י"ט:**

# מדריך לכשרות דהתאחדות הקהילות דארצות הברית וקנדה

| | |
|---|---|
| **מדריך לכשרות** | **ירחון דהתאחדות הקהלות, כולל תשובות, מכתבים ובירורים בענין כשרות המאכלים, י"ל ע"י וועד הכשרות, ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות.** - ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות, ע"י הגה"צ רבי משה שטערן, זצ"ל, ולהבחל"ח הגה"צ רבי שלום יהודה גראס אבדק"ק האלמין שליט"א.<br>Rabbi Moshe Stern Zt"l, Grand Rabbi Of Debretzin And Rabbi Sholom Yehuda Gross, the head of the Rabbinical court of Holmin. |
| **21מדריך לכשרות** | **ירחון דהתאחדות הקהלות** |
| **22מדריך לכשרות** | **ירחון דהתאחדות הקהלות** |
| **25מדריך לכשרות** | **ירחון דהתאחדות הקהלות** |
| **26מדריך לכשרות** | **ירחון דהתאחדות הקהלות** |
| **27מדריך לכשרות** | **ירחון דהתאחדות הקהלות** |
| **28מדריך לכשרות** | **ירחון דהתאחדות הקהלות** |
| **מדריך לכשרות 30** | **ירחון דהתאחדות הקהלות** |
| **מודעות מוועד הכשרות** | מודעות שיצאו לאור על ידי וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות שנתייסד על ידי הגה"צ רבי משה מדעברעצין זצלה"ה אשר מסר נפשו להציל הכשרות בארצו הברית, ובעלי הבשר שותפם של עמלק כמעט והרגו אותו ואת משפחתו רח"ל. [ראה באריכות בספר בשר גלאט כשר בזמן הזה, ועוד] |

בעזהי"ת

דהתאחדות הקהילות

בהשתתפות הרבנים והקהילות
ולומדי תורה דניו יארק

# מדריך לכשרות

— ירחון דהתאחדות הקהלות —

**כולל תשובות, מכתבים ובירורים בענין כשרות המאכלים**

ב"ה. חודש תשרי־חשון ה'תשל"ח ♦ שנה ד' קונטרס כ"א (כרך ד')

„אונזערע פעסטשטעלונגען און באריכטען
זענען גילטיג נאר פאר די שטענדיגע לייענערס".

יוצא לאור ע"י

## וועד הכשרות

ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

**באמצעים של בירור, חקירה ודרישה**
**התיעצות, הודעה, והצעה**

21

בס״ד

# וועד הכשרות

## ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

דהתאחדות הקהילות

בהשתתפות הרבנים והקהילות
ולומדי תורה דניו יארק

בפיקוח מוה״ר משה שטרן שליט״א
גאב״ד דקהל יסודי התורה
ומלפנים אב״ד דעברעצין

אַבאָנענטען בלאַנק און פרייזען
**וועד הכשרות דהתאחדות הקהלות**

בייגעלייגט איז די סומע פון ...... $
☐ 1 יאָר ☐ 2 יאָר ☐ 3 יאָר ☐ 1 יאָר לופט פּאָסט

אַבאָנענטען פרייזען (מוז איינגעצאָלט ווערען אין פאָראויס):

**אין אַמעריקע**

| | |
|---|---|
| 1 יאָר | $ 6.00 |
| לופט פּאָסט 1 יאָר | $ 10.00 |
| 2 יאָר | $ 11.00 |
| 3 יאָר | $ 16.00 |

**אין קאַנאַדע, אייראָפּע, א.ד.ג.**

| | |
|---|---|
| 1 יאָר | $ 8.00 |
| לופט פּאָסט 1 יאָר | $ 12.00 |
| 2 יאָר | $ 15.00 |
| 3 יאָר | $ 22.00 |

נאָמען ..............................................................

אַדרעס ..............................................................

שטאָט ............ לאַנד .......... זיפּ נומער (פּאָסט געגענט).......

צייכענט אָן אויב דאָס איז א באַנייאונג אָדער א נייע סובסקריפּשאָן.
☐ אלטער מעמבער
☐ נייער מעמבער

פאַר מער אינפאָרמאַציע שרייבט אָדער טעלעפאָנירט צו:

VAAD HAKASHRUS — 4810 16 Ave. - Tel. 435-2503

**A Public Service Organization Dedicated to Strenghtening of Kashrus Through Research and Developement**

דפוס אופסט ״מוריה״
MORIAH OFFSET CO.
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y 11201
(212) 852-4141

# מדריך לכשרות

## דבר המערכת

היינט צו־טאג איז שוין ב״ה באקאנט פאר אונזערע אבאנענטען, אז דער „מדריך לכשרות״ איז געווידמעט נאר צו שטענדיגע לייענערס. זיי זענען שוין אביסעל באקאנט מיט אונזערע לשונות און ווייסן שוין אונזער מהלך.

אלע מיספארשטענדענישן אין די גאַס נעמען זיך נאר פון די וועלכע קוקען דאָ און דאָרט, און זאגן נאך שמועות, נישט פארשטייענדיג גרונטליך אונזער כוונה.

מען מוז אויך צוגעבן, טייערע לייענערס, אז א טייל פון אונזערע „פעסטשטעלונגען״ זענען געבויט אויף פריערדיגע באהאנדלונגען אין מדור „שימו לב״. די פונקטן וועלכע ווערן ארויסגעברענגט, אָן קיין פירוש, צי דאס איז א מעלה אדער חסרון, איז א דירעקטער תוצאה פון א באריכט אין מדור „שימו לב״ אין דעם זעלבען מדריך, אדער פון פארגאנגענע אדער קומענדיגע מדריכים.

אלגעמיין ווערט באצייכענט אין די פעסטשטעלונגען ווי צו קוקען כדי צו פארשטיין די כוונה פון באריכט.

ביטע לייענט גרונטליך אונזערע באהאנדלונגען אין מדור „שימו לב״ (כשמו כן הוא, במלוא המובן), כדי צו האבן א באגריף אין די שפייז אינדוסטרי און אין פעלד פון כשרות און אויך אין די פעסטשטעלונגען.

בכבוד רב,

**המערכת**

---

יעדער שומר תורה ומצוות שטרעבט צו עסען נאר פארלעסליכע, ריכטיג פעסטגעשטעלטע כשר׳ע מאכלים. די ציהל פון „וועד הכשרות״ איז דאס צו פארמעגליכען. דעריבער שטיצט אייער און אונזער ארבעט. פארשאפט נייע מעמבערס! שיקט אריין אייער דמי־חבר אין די צייט! טוהט נישט פארנאכלעסיגען אייער צאהלונג! דורך דעם וועט איהר שטארקען די ארבעט און די עקזיסטענץ פון **מדריך לכשרות**

## מדריך לכשרות

# המזון בהלכה

. . . אודות מה שכתבתם במדריכים הקודמים, שאתם משתוקקים לברר אמיתת דבריכם בעניני השחיטות בפני הרבנים שליט"א, ורק באופן זה יתוקן הדבר . . . כמדומה שכהיום אחרי שהרבנים שליט"א הכריזו בפומבי שלדעתם הענין מסודר היטב וגם הם נהנים מאותו הבשר, אין לסמוך אל מה שיתוועדו עכשיו לדון בדבר, שהרי נוגעים בדבר, ובודאי יצדיקו דבריהם ולא יסוגו אחור, מפני הבושה.

. . . עי' מה שכתב המהרלב"ח בקונטרס הסמיכה, שחכמי ירושלים לא רצו להחזיר את ענין הסמיכה וחכמי צפת כבר החליטו להחזירו. וכתב שם המהרלב"ח [שצידד עם חכמי ירושלים] שאף אם יאמרו [חכמי צפת] שיתוועדו עכשיו יחד לדון בדבר, זה לא מועיל, דכיון שכבר עשו מעשה עפ"י הוראתם הרי נוגעים בדבר, דכסופא להו מילתא למיהדר, **ומחמת אותה הנגיעה עושה נטיית הדעת לטעות בהאמת.**

. . . נחוץ למאוד להעתיק מה שמאריך בזה מרן הגאון הצדיק רשכבה"ג שליט"א בספרו ויואל משה, מאמר שלש שבועות, אות קע"ג . . .

**המערכת:**

לא אלמן ישראל, עוד ישנם רבנים גאונים שליט"א שלא אכלו מכל אלו השחיטות, ונאמנים לברר את הענין בלי נגיעות. לתועלת הענין נעתיק את מאמר הנ"ל שהעיר הכותב.

קע"ג

והמהרלב"ח בקונטרס הסמיכה בסוף הספר הביא כל הענין שחכמי צפת החליטו להחזיר הסמיכה, והמהרלב"ח עם חכמי ירושלים לא הסכימו לדבר, וכתב שם המהרלב"ח אף כי אמרו שעשו נגד חכמי צפת דעותי מיגו שבא, מ"מ אי אפשר לומר בזה אחרי רבים להטות כי לא נתוועדו יחד להיות שקיל וטרי בדעותיהם זה כנגד זה, ואין אומרים בכה"ג אחרי רבים להטות, אלא בהיות רובא מתוך כולא. ואף אם יאמרו שיתוועדו עכשיו יחד לדון בדבר, זה לא מועיל דכיון שכבר עשו מעשה עפ"י הוראתם הרי נוגעים בדבר דכסופא להו מילתא למיהדר ומחמת אותה הנגיעה עושה נטיית הדעת לטעות בהאמת ול"ל לגרסם למנין הרוב. והאריך בדבר להביא ראיות מן הש"ס דאף בחמורות בקדושים אחר שעשו מעשה עפ"י הוראתם חשבו להם לנוגעים מטעם זה דכסופא מילתא למיהדר וק"ו בחכמי דורינו, עיי"ש שהאריך. וכתב אני רואה עכשיו שיודע אני שיש גם בתוך האגודה רבנים וגם"כ יראי ה' שבודאי להם המעשים האלה אך אינם יכולים לעמוד דבר נגד המקבלים ולשוב אחור מן האגודה כיון שהם כבר בתוכה ועשו מעשים רבים כמפלגה זו, דכסופא להו מילתא למיהדר, ומחמת אותה הנגיעה עושים צדקי להצדיק השיטה ואינם מכוונים אל האמת.

ולפי דעתי אין הי' מציאות שיתאספו כל יראי ה' וכיו יכולים כהו"א לבנין דעתו בלי שום פחד ומורא ובלי שום נגיעה, כי' לנו רוב גדול מהיראים נגמת האמיתית אשר כתבתי, אבל כולא דבר שאי"ש כי ברבה היום וירא' מפחדים אף לגלות נפשם זה שאינו בדעה אחת עם מלב כדור שאינו מדרך האמת, ומכש"כ לגלות האמת אשר בלבבו שיפחד ולגורל עליו גלוין מבוכל. והאמיתית הנוגעים בשלם פרעונית גדולה ביניהם שיש בתוכם הרבה שיש להם דעת חכמות ונגיעות עצומות. וק"ו בישמה מבה טרפת משפטים כתב בפסוק כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים, דקשה הכפל וגם קשה וכי צדיקים מקבלי שוחד הם, וכתב לבאר דהמקבלי שוחד אף שהם חכמים באמת אי אפשר שלא יטעו, ומורים הם באמת, ואף שיהיו עמהם נקיים וצדיקים שאינם מקבלים שוחד הם מבלבלין ומסלפין את דבריהם, ושיים עיין בנ"ל בדור. גבל כתב כן אף שיש ה' שמקבל שוחד מבלבל ומסלף את היושבים עמו אף אם הם נקיים וצדיקים, ומכש"כ כשיש שם הרבה המוכרים מתוך נגיעות עצומות שמבלבלין ומסלפין הכל. ומבואר בשו"ע חו"מ סי' ג' ס"ב דאם יש בתוך הבי"ד גם אנשים שאינם מהוגנים לא הוי בכלל בית דין דהוי קשר בוגדים, ומקורו בסנהדרין דף כ"ו דפירש"י ז"ל ע"ה והיינו דבעינן בי"ד נמנין זה אינו מנין.

ויואל מאמר שלש שבועות משה

# שימו לב

## שאקאלאד באהאנדלונג

עס זענען פארהאנען צוויי מינים רוי שאקאלאד: ריינער שאקאלאד און קאמפאנד שאקאלאד.

די פראצעדורע פון מאכען שאקאלאד פאנגט זיך אָן מיט דעם צעמאָלן פון קאקוי בונדלעך (cocoa beans). עס ווערט פארוואנדעלט אין א פליסיגע פאָרם. עס ווערט אָנגערופען **שאקאלאד ליקער**. די ליקער ווערט אויסגעפרעסט דורך א געוויסע פראצעדורע. עס ווערט צעטיילט אויף צוויי פראדוקטן. עס קומט ארויס די פעטענס דערפון, וועלכע איז קאקוי פוטער און די איבעריגע בלייבט אין א פאָרם פון פאודער שטויב. דאס איז די קאקוי שטויב וועלכע מען קויפט אין געשעפט.

**ריינער שאקאלאד** — ווערט ערצייגט דורך נעמען די קאקוי פאודער און עס אויסמישען מיט די קאקוי פוטער (די פעטענס פון די קאקוי בונדל) און צוזאמען אויפקאָכן. מען מישט אבער נישט אריין קיין פרעמדע פעטענס.

**קאנפעקשאנערע (קאמפאנד) שאקאלאד** — ווערט אויך ערצייגט דורך נעמען די קאקוי און אויסמישען מיט פעטענס, אבער די פעטענס איז נישט קאקוי פוטער נאר אנדערע פעטענס, ווי צ.ב.ש. פון קאטען סיעד אדער פון אנדערע זאמען (seeds) און אויך מעגליך פעטענס פון א בעל חי.

רוב פאבריקען ערצייגעןביידע פאָרמאטן פון שאקאלאד, ריינער און אויך קאמפאנד.

### אויסארבייטונג פון שאקאלאד:

נאך דעם ווי די שאקאלאד איז אויסגעמישט מיט די פעטענס ווערט דאס אויפגעקאָכט אין א קעסל וועלכע ווערט אָנגערופן א „קאנטש״. אויב די שאקאלאד ווערט אויסגעארבייט פאר מילך שאקאלאד, לייגט מען אריין אין דעם קאנטש, מילך פאודער אדער פוטער עס זאל זיך צוזאמען קאכען.

נאך דעם קאכען לאזט מען טריקענען דעם שאקאלאד. נאך דעם ווי די שאקאלאד איז אויסגעטריקענט לייגט מען דאס נאך אמאל אריין אין א קעסל וואו עס ווערט אויך אריינגעמישט פלייווארס, קאלערינג, אימאלסיפייערס, צוקער, זאַלץ, א.ד.ג., צו פערטיגן די שאקאלאד מיט א געשמאַק.

נאך דעם פראצעדורע איז שוין פארטיג די רוי שאקאלאד. עס איז אבער נאך נישט די אויספארמירטע שאקאלאד וועלכע די איינקויפער קויפען אין געשעפט צו עסען אדער באַקען.

עס זענען פארהאנען פאבריקאנטען וועלכע ערצייגן נאר די סאָרט רוי שאקאלאד און פערפערטיגען נישט די שאקאלאד ווייטער. זיי פארקויפען עס אין איין שטיק (בלאָק פאָרם) פאר ערצייגערס וועלכע ארבייטן עס אויס צו פארקויפען אין די געשעפטען.

עס זענען פארהאנען פאבריקען וועלכע ארבייטן נאר אויס די שאקאלאד. עס ווערט געפאָרמט מיט מוסטערן און צייכענונג. די פאבריקען מאכען נישט די רוי שאקאלאד.

פארשטענדליך אז א טייל פון די פאבריקען וועלכע ערצייגן אליין די שאקאלאד, טוען דאס דערנאך אליין אויך פארפערטיגן.

די פאָלגענדע זענען די חששות וועלכע געפינען זיך ביי שאקאלאד:

**חשש א'**

ביי קאמפאנד שאקאלאד איז די פראגע איינפאך, צי מען האט אויסגעמישט די קאקוי מיט פעטענס פון א בעל חי. אפילו אויב מען נוצט גרינצייג פעטענס דארף מען וויסן פון וועלכע פאבריקן עס קומט, ווייל מעגליך מאכט מען דארט אויך טריפה'נע פעטענס.

די שאקאלאד פאבריקן, אָן קיין אויסנאַם, מאכן נישט קיין אייגענע פעטענס, עס קומט פון אן אויל־ריפיינערי.

ביי ריינעם שאקאלאד פאדערט זיך אַן אריכות מבאר צו זיין דעם חשש.

די קאקוי פּוטער ווערט מערסטן טייל אימפּאָרטירט פון פארשידענע לענדער. אויף די קאקוי פּוטער אליין איז פארשטענדליך נישט דאָ קיין כשרות־פראַגע.

עס איז אבער אמאל געווען א צייט (אין מלחמה־צייט) ווען די קאקוי פּוטער איז געמישט געווארן מיט אנדערע פעטענס פון א בעל חי.

עס איז נישט דאָ קיין פראגע פון א בליעת איסור, ווייל אין די פּרעס וועלכע דריקט אויס די קאקוי פּוטער קוועטשט מען נישט אויס קיין אנדערע פעטענס פון א בעל חי. די צוויי פעטענס האבען אנדערע מעטאָדען זיי אויסצופּרעסען.

דער חשש וואס פלעגט זיין, אז מען מישט אריין אנדערע פעטענס אין ריינעם שאקאלאד איז א פראגע פון א תערובות איסור בעין. הגם אז א תערובות איסור בעין איז הארבער ווי א בליעה, איז דאך דאָ א צד קל ביי א תערובת בעין.

א תערובת איסור פון פעטענס בעין קען אנטדעקט ווערן דורך אן אנאליזע מיט כעמישע עלעמענטן. אויב עס איז נאר אריינגעמישט דורך א בליעה (נישט קיין פעטענס בעין) קען דער כעמיסט נישט פאנאנדערטיילן די פעטענס, כאטש עס האט בולע געווען גענוג איסור צו אסר'ן דעם מאכל.

ביטע לייענט מדריך נומער 6 עמוד קעה די בריוו פון פיטעלזאהן און אונזער פראבע).

כדי צו זיין זיכער הונדערט פראצענט איז א רב המכשיר, א בעל מהדר, נזהר אריינצוגעבן די קאקוי פוטער צו אנאליזירן אין א לאבאראטארי. דעריבער, כאטש **רוב קאקוי פוטער זענען נישט געמאכט מיט אן השגחה**, דאך איז ווי דערמאנט פארהאנען אן עצה אויסצעפינען צי עס איז אויסגעמישט מיט אן איסור.

**חשש ב׳**

אין די קעסלען (קאנטש) וואו מען קאָכט אויף די שאקאלאד, ווערט געקאכט מיליכיגע שאקאלאד, חלב עכו״ם, און אויך שאקאלאד אָן מילך.

כמעט איבעראל וואו מיר האבען באזוכט האט זיך אויסגעוויזען דער זעלבער גאַנג: **מען קאָכט מיליכיגע (חלב עכו״ם) און פארעווע שאקאלאד אין די זעלבע כלים.** לויט אונזערע אינפארמאציע ווערט אזוי געטאָן כמעט אין יעדע שאקאלאד־פאבריק אין די גאנצע וועלט.

דער קאנטש איז זייער דעליקאט (עמפינדליך) און עס טאָר נישט צוקומען קיין וואסער פון אינעווייניג. דעריבער איז נישט מעגליך בשום אופן צו כשר'ן דעם קאנטש מיט וואסער נאך דעם ווי מען האט געקאכט דערין חלב סתם. די קאנטש קען מען נאר כשר'ן מיט שאר משקים, ווי צ.ב.ש. אויל אדער קאקוי פוטער.

עס איז נאר דאָ איין פירמא וועלכע מיר האבן באזוכט „קאקאליין שאקאלאד קא.״ וועלכע האט א באזונדערע קאנטש און באזונדערע ליינס, פאר מילכיגע און פארווע שאקאלאד. זיי זענען ריכטיג באצייכענט. (די ליין וועלכע פירט דעם שאקאלאד צום טשיפס־מאַשין (chocolate chip) ווערט יאָ גענוצט פאר מילכיג און פארווע. עס ווערט אבער אויסגערייניגט. מען דארף נישט כשר'ן ווייל עס איז **קיינמאל** נישט יד סולדת).

די פאלגענדע שאקאלאד־פירמעס (וועלכע זענען אונז באקאנט) מאכען זייער פראדוקציע ביי „קאקאליין", און ממילא האבען זיי דעם הידור פון נישט סומך זיין אויף דעם היתר פון כשר'ן מיט שאר משקים:

Paskes — Madanim — Lieber, Brooklyn — David & Bedford

לויט אונזער אינפארמאציע וואס איז נאך נישט פעסטגעשטעלט איז דאָ נאך איין פירמא וועלכע פאבריצירט נאר פארווע שאקאלאד פאר אייגענעם געברויך, ריינער און אויך קאמפאנד — „שופרא" (Shufra Brooklyn).

עס איז אויך דאָ נאך איין גרויסער פאבריק אין אויסלאנד וועלכער מאכט אויך פארווע און מילך שאקאלאד, און האט באזונדערע כלים דערויף: Calebaut Wieze, Belgie.

די אלע אנדערע וועלכע פארקויפען פארווע שאקאלאד און מכ"ש מילך־שאקאלאד, אפי' אָנגעבליך חלב ישראל און אפי' מיט אן אָנגעבליכע פארלעסליכע השגחה, זענען זיך סומך אויף דעם בדיעבד'דיגן היתר פון כשר'ן מיט שאר משקים. אפילו די שאקאלאד פון די פירמא „מגדים" פון בני ברק, א"י, וועלכע אימפאָרטירט אויך צו אמעריקע — נוצט שאקאלאד וועלכע איז געקאָכט אין די זעלבע קאנטש וואו מען קאָכט אויך מיט סתם חלב. זיי כשר'ן די קעסל מיט שאר משקים, כאטש עס איז א בן יומו.

### חשש ג'

לויט דעם געזעץ פון לאנד מוז מען אריינלייגן אין מילך־שאקאלאד צום וויייניגסטן 12% מילך אין די פראדוקט, אז מען זאל מעגען און דארפען מעלדען דערויף אז עס איז מילך־שאקאלאד. אויב עס האט וויייניגער ווי 12% מילך, טאָר מען עס נישט רופען מילך־שאקאלאד, און מען דארף עס נישט מעלדען אין שפּייז אינהאלט (אינגרידיענטס). עס איז זייער מעגליך אז „ביטערסוויט" שאקאלאד זאל זיין מילכיג כאטש עס איז נישט געמאלדען מילך אין די אינגרידיענטס.

אסאך פירמעס לייגען אריין פּוטער אדער קרים אין די שאקאלאד אז עס זאל צוריקהאלטען דעם שאקאלאד עס זאל נישט ווערן גרוי (grey). דאס ווערט אָנגערופען „בלום רעזיסטענט" (Bloom Resistant). די פירמעס מעלדען נישט די מילך אין דעם אינהאַלט.

### חשש ד'

ביים פארפערטיגען דעם שאקאלאד ווערט אריינגעלייגט **פלייוואָרס**.

זעה מדריך נומ. יב עמוד ר, וועגען באריכט איבער אירע חששות.

### חשש ה׳

עס ווערט אריינגעמישט אימאלסיפייערס.

עס איז מעגליך אז עס זאל זיין לעציטין. אבער מען דארף זיין זיכער אז מען ניצט נישט גליצירייד אדער אנדערע פעטענס. ביטע לייענט מדריך נומ. יא עמוד קסא, וועגען א פולען באריכט.

### חשש ו׳

שאקאלאד איז איינע פון די סטאנדארט פודס (Standard Foods) אויף וועלכע עס העלפט נישט צו לייענען די אינגרידיענטס.

ווי געמאלדען אין מדריך נומ. 9 — אז דער אינהאלט מעלדעט נאר די מישונגען וועלכע זענען אנדערש ווי די געזעצליכע רעצעפט. עס זענען פארהאנען אסאך שפייזען וועלכע מעלדען גארנישט די אינהאלט, ווייל עס ווערט געמאכט לויט די פאָרגעשריבענע מישונגען, ווי צ.ב.ש. ווין, אייז קרים, מאייאנעיז, קעט־שאַפּ וכו׳.

### חשש ז׳

צום מערסטן נוצט מען אן אימאלסיפייער „לעציטין" (Lechitin) וועלכע איז געמאכט פון סאיא ביען(Soyabeans).לגבי פסח איז דאָ די שאלה פון קטניות. עס זענען פארהאנען שאקאלאד וועלכע האבען אַן הכשר און זענען פארצייכענט „כשר לפסח" כאטש עס ערהאלט לעציטין (קטניות).

מיר האפען אז דער באהאנדלונג וועט קלאָר מאכען אסאך פראגען. איבערהויפט אז עס איז דאָ א שמועה אז אלע שאקאלאד זענען אייניג. א טייל געדענקען נאך דעם טומעל וועגן קאקוי־פוטער, אז מען מישט אריין פעטענס.

טייערע לייענערס ! די שפייז־אינדוסטרי פאדערט, דורך אירע שטענדיגע שינויים, אז איר זאָלט זיין פאָרזיכטיג וואס איר נעמט אריין אין מויל. ניצט נאר די עסענוואַרג וועלכע איז ריכטיג פעסטגעשטעלט און באשטעטיגט געווארן אלס כשר.

*********************************

**ועי׳** במו״ש סוף פ׳ שמיני, וזל״ק שמי שמיקל לעצמו אפילו בדבר שאינו רק הומרא בעלמא, אפילו יתנהג בדרכי החסידות והפרישות מכל הצדדים ושוקד על פתחי תורה יום ולילה, לא יוכל להשיג התורה והקדושה כמו שמובא בתוס׳ בשם ירושלמי, עכ״ל

# אזהרות הוועד

## וויכטיגע ערקלערונגען וועגן די השגחות אונטער די או־יו Ⓤ

ווי די לייענערס געדענקען, האבען מיר אין מדריך נומ. 14 באשריבען א באריכט וועגן א טייל פון די אומארדענונגען ביי די השגחות וועלכע זענען אונטער די Ⓤ.

עס איז צו באדויערן אז ביז צום היינטיגן טאג איז נאך נישט איינגעטראָטן קיין ערנסטע ענדערונגען (לטובה) ביי זייערע השגחות.

באמת האבן זיי אביסעל אנגעפאנגען משנה זיין זייער דרך, דורך מודעות אין די צייטונגען. עס איז אויך לייריג געווארן במשך הזמן דער הויפט פּאָסטן פון ארמיניסטראציע. אבער קיין ערנסטע שינויים וועלכע וואָלטן מתקן געווען דעם סיסטעם און נאכגעפאָלגט די טענות פון דעם ציבור, וכדומה, איז נאך נישט געטאָן געווארן.

**עס ווייטאגט באזונדער די השגחות אויף די פליישן, בהמות און עופות.** ביי זייערע גלאַטע שחיטות ווי צ.ב.ש. Cross Bros. אין Sunflower וואו עס איז נאך נישט מתוקן געווארן דער מצב. עס איז לעצטענס באקאנט געווארן אז א טייל פון די שוחטים ביי די סאנפלאער שחיטה רעדן זיך זייער אָפּ וועגן דעם מצב הכשרות וועלכע איז זייער שטארק נישט בסדר דארט, און דאך האט די Ⓤ נישט געפונען פאר נויטיג צו נעמען ערנסטע שריט מתקן צו זיין דעם מצב.

## נאך דעם ווי די מדריך איז ארויס פון דרוק האט מען אונז מודע געווען אז די Ⓤ האט אנגעבליך אראפגענומען די השגחה פון די "סאנפלאער שחיטה".

דאס זעלבע איז אויך ביי די שחיטה פון עופות, ווי צ.ב.ש. Empire ארער Falls וואו עס ווערט נאך אלץ גע'שחט'ן העכער טויזענט (1000) עופות אין איין שעה. און אויך די אנדערע חסרונות וועלכע איז באריכטעט געווארן, זענען נאך נישט מתוקן.

די הפקרות וועלכע מיר האבן באשריבן וועגן זייערע רעסטאראנטס, זענען נאך אלץ אקטועל.

א ביישפיל: דעם זומער (תשל"ז) איז אין שאנק חי (Shang Chai) רעסטאראנט (וואס דער אייגענטימער איז נישט קיין איד) איז געווען א משגיח, א בחור, וועלכער איז נישט גענוג עקספיריענסר אין פעלר פון השגחה, במילא איז נישט געווען מעגליך זיך צו פארלאזן אויף די השגחה אויף אזא אָרט.

# מדריך לכשרות

לעצטענס האט מען געשטעלט א משגיח וועלכער איז בכלל נישט צוגעפאסט צו א משגיח־פאָסטן (לויט די עדות פון די וועלכע קענען אים). מען האט אויפמערקזאם געמאכט די פירערשאפט פון Ⓤ און ביז איצט איז נישט אריינגעטראטען א שינוי. מען האט אפילו נישט גענומען די מיה נאך־צו־פרעגן ביי די אנגעגעבענע עדות.

דעריבער בעפאָר איר טראכט צו עסען פון פראדוקטן אויף וועלכע עס פארלאנגט זיך אן השגחה, איבערהויפט די פליישען אדער רעסטאראנען, זאלט איר זיך גוט מתבונן זיין וועגן די אחריות וואס איר גייט נעמען אויף זיך. וד״ל.

אין דער לעצטער מינוט ווען מיר האבן אדיינגעגעבן צום דדוק דעם „מדריך לכשרות״, איז צו אונז אנגעקומען א ידיעה פון פארלעסליכע קוועלן, אז דער קאָאָרדינייטאר פון Ⓤ האַלט ביים פארלאָזן דעם פאָסטן, אזוי, אז פיל בני תורה וועלכע האבן זיך איינגערעדט אז מען קען זיך פארלאָזן אויף די Ⓤ צוליב דעם אנגעבליכן פארלעסליכקייט פונם קאָאָרדינייטאר, וועלן שוין נישט מער קענען געניסן פון דעם דאזיגן גלייכגילטיגקייט



# מדריך לכשרות

## פעסטשטעלונגען

## גסות־שחיטה

כדי גרינטליך צו פארשטיין די פונקטען וועלכע ווערן דא באטאנט — מוז מען קודם דורכלייענען די באהאנדלונג וועגען שחיטות אין מדור „שימו לב" אין מדריך נומ. 15 און 16.

מיר האבען באזוכט די **גסות־שחיטה** אונטער די השגחה פון הרב ממארגארעטען שליט"א:

א) די שוחטים ובודקים זענען מומחים יראי השם וועלכע פירן זיך בדרך המסורה.

ב) די שוחטים ובודקים ווערן באצאָלט פון רב המכשיר און נישט פון בעה"ב פון שחיטה.

ג) די בהמה הענגט אין די לופט מיט די פיס צוגעבונדען צו א קייט. די בהמה ווערט אנגעהאלטען ביים קאפ און ביי די פיס דורך צוויי גוים.

ד) עס ווערט גע'שחט'ן צום מערסטן זעקס אדער זיבען בהמות אין איין שעה.

ו) די בדיקת הראי' (בדיקת פנים און אויך בדיקת חוץ) ווערט געמאכט זייער לאנגזאם און געלאסען, מיט ישוב הדעת.

ז) עס קען נישט פאָרקומען, בדרך הטבע, אז דער בודק זאל אָפרייסען אדער צעשיידען א סירכא בשעת די בדיקה.

ח) אפילו אויב מען פילט גארנישט ביים בדיקת פנים, בלאָזט מען אויף די לונג און מען מאכט א בדיקת חוץ.

ט) אויף דעם אופן פון בדיקה ווערט נישט גלאַט נאר פינף און צוואנציג פראצענט (25%). צום מערסטען קען ווערן גלאַט א דריטל (33%) פראצענט (עי' תשו' טוב טעם ודעת, יו"ד מהד"ת סי' צ"ט בסוף התשובה).

י) עס ווערט נאר גענומען די גלאטע בהמות, די איבעריגע בלייבען אין שלאכט־הויז.

יא) עס ווערט אויך נבדק די טרפש.

# מדריך לכשרות

יב) דער זעלבער מענטש מאכט די בדיקת פנים און אויך דעם בדיקת חוץ. (דער בודק פנים דארף נישט אויפצייכענען אויף א טאָוועל וכדו׳ פאר דעם בודק חוץ, ווי ביי מקומות וואו עס זענען פארהאנען באזונדערע בודקים פאר פנים און חוץ).

יג) עס זענען פארהאנען צוויי מענטשען ביי די בדיקה (עי׳ חת״ס יו״ד סי׳ י״ג). נאך דעם בדיקת פנים זאגט דער בודק פאר דעם צווייטען דעם מצב פון די לונג.

יד) עס איז דאָ גענוג צייט בודק צו זיין דעם חלף כדבעי נאך יעדע בהמה.

טו) עס איז דאָ א באזונדער משגיח (נישט דער שוחט ובודק) וועלכער בלאָמבירט די בהמה מיט אירע חלקים.

טז) מען איז פאָרזיכטיג אז עס זאל זיך נישט אויסמישען די חלקים פון די בהמה. ווי צ.ב.ש. די לונג, א זייטל, קאפ, צונג, לעבער א.א.וו. ווייל עס ווערט אלעס פעסטגעשטעלט און פלאמבירט בעפאָר מען צעטיילט די צווייטע בהמה.

יז) אלעס ווערט געטאן אויף דעם זעלבען אופן ווי אין א קליין שטעטל, כשנים קדמוניות [אויסער די עצם מעשה השחיטה, אז עס פלעגט ליגען די בהמה אויף דער ערד און נישט הענגען אויף א קייט].

יח) לעמער ווערט נישט גע׳שחט׳ן צוליב די קאמפליקאציעס און חששות ביי די שחיטה (זעה מעשה השחיטה פון לעמער, מדריך נומ. 15).

יט) מען איז מדקדק אז די וואָרע מיט וועלכע מען וויקעלט איין די פלייש אין קוהל־צימער (פריזער) זאל נישט ערהאלטן זאַלץ (שאלה פון נמלך בלא הדחה).

כ) דער בעל הבית פון פלייש־געשעפט נעמט דעם פלייש דירעקט פון שלאכט־הויז. עס פארמיידט די שאלות וועלכע טרעפען זיך ביי טראנספארטאציע. אויך די חששות וועלכע מאכען זיך ביי א גרויס־הענדלער (האָלסיילער) טרעפט זיך נישט אויף דעם אופן.

כא) עס איז לייכט צו קאנטראלירען וויפיל עס איז גע׳שחט׳ן געווארען אויף גלאט און וויפיל איז פארקויפט געווארן. ווייל די פלייש קומט נאר אריין אין איין געוויסען פלייש־געשעפט. זייערע ביכער זענען שטענדיג אָפען פאר קאָנטראָל.

דער נאָמען פון פלייש־געשעפט איז:

.(Food Service of Kolel Lomdei Torah, Brooklyn, N.Y.)

# שחיטת עופות

ביטע לייענט מדריך נומ. 16 כדי גרינטליך צו פארשטיין די נקודות וועלכע ווערן דא ארויסגעברענגט.

מיר האבען באזוכט די שחיטת עופות אונטער די השגחה פון התאחה״ר דארה״ב וקנדה, All City Poultry אין ברוקלין. עס ווערט אויך אנגערופען פעקס. אדער נארט פאָהר (North 4).

א) אין די שלאכט מארקעט ווערן די עופות נאר גע׳שחט׳ן, אבער נישט גערפעגט, נישט געזאלצען און ממילא נישט באקוקט. די פלייש געשעפט דארף טאָן די ארבעט.

ב) די שוחטים זענען מומחים יראי השם וועלכע פירן זיך בדרך המסורה.

ג) די שחיטה איז לאנגזאם און געלאסען. בערך 250-200 עופות אין איין שעה. אויך האט דער שוחט צייט זיך אָפצורוען נאך געוויסע קורצע פעריאָדן.

ד) דער שוחט האט גענוג צייט צו באמערקען דעם מצב פון זיין שחיטה (אויף דעם אופן קען מען טאקע באמערקען אסאך טריפות בשעת השחיטה).

ה) א גוי האלט דעם עוף בשעת די שחיטה. דער שוחט האלט נאר אָן דעם קאפ פון עוף.

ו) דער חלף ווערט נבדק נאך יעדע עטליכע עופות וועלכע ווערן גע׳שחט׳ן. עס איז דאָ צייט בודק זיין דעם חלף כדבעי.

ז) די שוחטים זענען די נאמנים. עס איז נישט דאָ קיין באזונדער משגיח אויף די מהלך השחיטה.

ח) עס איז דאָ א באזונדערער משגיח וועלכער לייגט אַרויף די פלאמבעס.

ט) די פלאמבעס ווערן באהאלטען, אבער עס ווערט נישט מיט־גענומען מיט דעם משגיח.

י) דער בעה״ב פון שלאכט־מארקעט איז נישט קיין שומר תומ״צ.

יא) דער משגיח ווערט באצאָלט פון בעה״ב און נישט פון בעל המכשיר *.

*) עס זענען פארהאנען אסאך קונדען וועלכע פארלאנגען נאר עופות פון די שחיטה, דעריבער געפינען זיך די עופות אין עטליכע געשעפטען, פריוואטע אדער קהלה׳שע, ווי צ.ב.ש. די פלייש־געשעפטען פון קהלת יטב לב, קהלת יעקב מפאפא, ועוד. א טייל פון די געשעפטען פארקויפען אויך עופות פון אנדערע שחיטות. עס זענען אויך פארהאנען געשעפטען וועלכע זענען מהדר נאר צו קויפען פון אט־די עופות, און נעמען נישט אריין קיין אנדערע עופות, ווי צ.ב.ש. צעהלימער פלייש־געשעפט.



עפ״י פארלעסליכע ידיעות

# מדריך לכשרות

## שחיטת עופות תחת השגחת קהלת בעלז או סקווער

אין דעם זעלבען מארקעט (All City Poultry) ווערט אויך גע׳שחט׳ן אונטער די השגחה פון קהלת בעלז, סקווער און טיילמאל פאר דעם פלייש־געשעפט פון קהל לומדי כולל. די שחיטות האבען פארשידענע הידורים.

1) אדער עס שעכט א ספעציעלער שוחט פון די באטרעפענדע קהלה.

2) אדער עס שטייט א באזונדערער משגיח און עס ווערט תיכף נאך די שחיטה אוועקגעפירט.

3) א טייל זענען מהדר אז איינער פון די שוחטים זאל באזונדער פאר׳חתמ׳נען די שאכטלען.

דאס אלעס ווערט געטאָן צו פארמיידען מעגליכע פעלשונגען וועלכע זענען מעגליך ביי עופות וועלכע בלייבן איבער ביי א בעה״ב וועלכער איז נישט קיין שומר תומ״צ.

## שחיטת עופות תחת השגחת הרה״ג מדעברעצין שליט״א

מיר האבען באזוכט די Sullivan County Poultry, אונטער דעברעצינער רב׳ס שליט״א השגחה, אין ליבערטי, נ.י.:

א) די שוחטים ובודקים זענען מומחים יראי השם וועלכע פירען זיך בדרך המסורה.

ב) די שחיטה איז לאנגזאם און געלאסען, ארום 200־250 עופות אין איין שעה. אויך האט דער שוחט צייט זיך אָפצורוען נאך געוויסע קורצע פעריאָדן.

ג) ביי אזא סאָרט מהלך השחיטה קען מען טאקע באמערקען אסאך טריפות בשעת השחיטה.

ד) דער גוי האלט דעם עוף בשעת השחיטה און דער שוחט האלט נאר דעם קאפ פון עוף.

ה) דער חלף ווערט נבדק נאך יעדע 10־12 עופות וועלכע ווערן גע׳שחט׳ן. עס איז דאָ צייט בודק זיין דעם חלף כדבעי.

ו) עס איז דאָ א משגיח תמידי אויף דעם גאנצן מהלך השחיטה. ער איז אויך א בעל הוראה און בודק חלפים, און דער בלאָמבירער.

ז) אין דעם שלאכט־מארקעט עפענט מען די עופות און מען זאַלצט דאס דארט. די עופות ווערן אינגאנצען געעפנט נישט נאר דורכגעלעכערט אדער א טייל געעפנט.

ח) אלע בני מעיים, לונג, גאַל, לעבער און צומת הגידין ווערן נבדק דורך א ספעציעלן משגיח.

ט) די האַלז־אָדערן ווערן רורכגעשניטן דורך אן איש מהימן.

י) די נירען ווערען ארויסגענומען כדי עס זאלן נישט ווערן צוזאמען געזאַלצען.

יא) דאס זאַלצען ווערט געטאָן **נאר** דורך אן איד אן איש מהימן.

יב) מען איז פּאָרזיכטיג נישט צו זאַלצען בעפאָר עס ווערט אראָפּגענומען דער דם בעין.

יג) מען ווייקט די עופות אין א קעסל וואַסער כדת וכדין, נישט נאר ארומגעדרייט אין וואסער. ראס וואסער ווערט געטוישט אָפט.

יד) מען זאלצט די עופות אויף א לעכעריגע כלי, אזוי ווי אמאָל. די עופות ליגען איינער אויף דעם צווייטען, אבער דער רוקען איז אויבען כדי עס זאל קענען אראָפרינען די בלוט.

טו) דאס אחריות פון צאָלען דעם משגיח און שוחטים איז אויף דעם רב המכשיר און / אָדער די קהלה וועלכע איז פאראנטוואָרטליך אויף די שחיטה.

טז) די בלאָמבעס ווערן אהיים־גענומען דורך דעם משגיח.

יז) די בעלי בתים זענען שומרי תומ״צ.

## שחיטת עופות בווינלאנד

מיר האבען באזוכט די שחיטת עופות אונטער די השגחה פון התאחה״ר דארצה״ב וקנדה, אין ווינלאנד, ניו דזשורזי:

א) די שוחטים זענען מומחים וועלכע פירען זיך בדרך המסורה.

ב) א גוי האלט דעם עוף בשעת דער שוחט שעכט, דער שוחט האלט דעם קאפּ אין די האנט בשעת די שחיטה.

ג) נאך דעם שעכטן לייגט דאס ארויף א גוי אויף א האָק פון עלעקטערישן קייט און עס פאָרט ווייטער ביז צום פליק־מאַשין, עס האַקט אראָפּ דעם קאפּ און נעמט אראפּ די פעדערן.

ד) די ליין איז אָנגעשטעלט אויף בערך 1,800 עופות א שעה. געוועונטליך שעכטן דריי שוחטים אין די זעלבע צייט. עס קומט אויס בערך 600 עופות א שעה פאר יעדן שוחט *.

*) עס טרעפט זיך פון צייט צו צייט אז איין שוחט פעלט, וכדומה, און עס ווערט גע׳שחט׳ן די זעלבע צאָל דורך צוויי שוחטים, בערך 900 עופות א שעה (עפ״י עדות).

ה) דער חלף ווערט נבדק נאך יעדער 25 אדער 30 אדער 40 עופות וועלכע ווערן גע׳שחט׳ן. עס איז נישט דאָ א באשטימטע מאָס נאך וועלכע מען מוז בודק זיין.

ו) עס איז נישט דאָ קיין באזונדערער משגיח אויף די מהלך השחיטה, אדער בדיקת החלפים.

ז) עס זענען פאַרהאַנען צוויי גרופען פון דריי שוחטים. נאך א געוויסע צייט טוישען זיי זיך מיט די ארבייט, און במשך דעם זמן שטעלט זיך די ערשטע גרופע אָפּ פון די ארבייט.

ח) אין דעם שלאכט־מאַרקעט עפענט מען די עופות און מען זאלצט זיי דאָרט.

ט) מען עפענט **נישט** אויף דעם גאנצען עוף. מען עפענט נאר די הינטערשטע טייל און מען וואַרפט אריין זאַלץ דערין **.

י) מען נעמט **נישט** ארויס די נירען. עס ווערט אויסגעזאַלצען צוזאמען מיט דעם עוף.

יא) א גויטע שניידט אויף די האלז־אָדערן און **נישט** קיין איש מהימן.

יב) עס זענען נאר פאַרהאַנען צוויי בודקים וועלכע באקוקען די קישקעס פון די עופות. איין מענטש איז בודק בערך 1000־900 עופות אין איין שעה, און ארבייט עטליכע שעה אָן אָפּטויש.

יג) די פּופּיקלעך, לעבער, גאַל, לונג — ווערן בכלל **נישט** נבדק.

איבער דעם טרעפט זיך אז מען מוז זיך פאַרלאָזען אויף רוב. ווען דער קונה טרעפט אז א לעבער אדער אן אנדערער חלק איז טריפה, קען קיינער נישט וויסען פון וועלכע עוף עס קומט. און אזוי ווי עס איז נישט שייך מטריף צו זיין אלע עופות, איז בלית ברירה פאַרלאָזט מען זיך אויף רוב.
זאמען יט דעם עוף.

יד) מען קען **נישט** זיין גענוג פאָרזיכטיג אראפּצושניידען אלע דעם בעין בעפאָר מען זאלצט אויס דעם עוף.

טו) אין אלגעמיין וואַרפען אידן אריין די זאלץ אין דעם עוף, און נישט מיט א מאַשין ***.

טז) נאך דעם זאלצען בלייבט די עוף הענגען מיט די זאלץ אין דער לופטען און ליגט **נישט** אויף א כלי.

יז) עס איז נישט פאַרהאַנען קיין שטענדיגער בעל הוראה אין שלאכט־מאַרקעט וועלכער איז געשטעלט צו פסק׳נען שאלות.

יח) די בלאָמבעס ווערן באהאלטן און בלייבן אין שלאכט־מאַרקעט.

**) פאר דעם געברויך פון וועד הכשרות דיטב לב מיט זייערע בלאָמבעס עפענט מען די עופות אינגאנצען (לויט די אינפאָרמאַציע).

***) עס טרעפט אָבער פון צייט צו צייט אז גוים זאלצען אויך (עפ״י עדים).

## מדריך לכשרות

# שמע בני

אין שנת תשל"ג איז, ווי באוואוסט, געווען א טומעל וועגען שחיטות, היתכן ?! מען שעכט אזוי פיהל עופות א שעה ! דער ברייטער ציבור האט גענוצט א דרוק, און אויך די רבנים גאונים שליט"א האבען געהאלטען אז מען זאל נישט שחט'ן מער ווי א געוויסע מאָס עופות א שעה.

הרה"ג משאקאווע שליט"א האט באגרינדעט זיינע טעמים אין א באזונדערן בריוו, וועלכע מיר דרוקען דאָ איבער :

ב"ה ב' כסלו תשל"א

לכבוד הנהלת התאחדות הרבנים, הי"ו
בניו-יארק

שלו' וברכה !

הנה כרצוני לעורר אודות ענין שצריכין להציעו לפני וועד ההנהלה ולפני הנהלת וועד הכשרות,

היות כאשר הייתי בווינלאנד להשגיח אודות ~~...~~ נחינת תותמות של התאחדות הרבנים על עופות, וראיתי השחיטה ההולכת על חלוין, אשר כל פעולות בהעופות מתחילה ועד סוף מסובכים ומקושרים לאחרים, ומעולה אחת דוחפת ודוחקת האחרת, הנני רואה נחיצות להגביל על סדר מספר עופות הנשחטים ע"י שו"ב במשך שעה אחת, כי בלא מרדים אצים וממהרים הפעולות על השו"בים כדי למהר מעשהרוחמזון כזה איננו מעלה הן בשחיטה והן בבדיקת הסכין, ובפרט בהרבה שובי"ם, ישנם שובי"ם זריזים ומאומנים לשחום הרבה כוריזות, וזה יוכל לגרום ח"ו מכשול בהשובי"ם שאינם מאומנים לזה, והסבה והפועלים אשר ראו אומנות השו"ב הזה ממהרים על כל השובי"ם להחיש מעשיהם ולגמור הפעולו במוקדם, כדי להרויח ממון או הרווחת הזמן, ומה יוכל לעשות השו"ב הנה אשר הוא תלוי בכבודו ופרנסתו בהם, ומוכרת לעשות בזריזות ובחפיזה, וכבר למני ~~...~~ התנצל לפני שו"בלפני איזה שנים אודות המצב הזה, ואני אעתיק את הניטוקים שלי והסראה מקומות לזה

לשון השמ"ח סי' י"ח ס"ז שיבדוק מתון מתון וכו' ולכן אין למנות ע"ז כ"א יראי ד' ביותר וחרדים על דבר ד' ואינם נבהלים ונחפזים כדעתם וכו', ומה לי אם הוא נחפז מטבעו, או הוא נחפז ע"י אחרים,

דברי התעוררות של הספה אפרים בסי' תר"ת ס"ז שמעורר כמוסר כשחיטת הכפרות " שהרצים יצאו רחופים ופו' ומקול המונם ראשו נמלא עד שאין לו כוונה לשחיטו רק על דרך הרגל ומזה יצאו מכשולים רבים ואין האשמה על השוחט רק על הפוחזים עליו וכו' - ומה באמר באם יש לו פוחזים מכל רוח מחבע"כ ומהפועלים התצופלם וכו'

ידוע התקנת של חכמי וצדיקי הדור ז"ל המובא בדרכ"ת סי' ל"ט סקכ"ו אודות שלא יעמוד בעל השור על שורו בעת בדיקת הריאה, שנש חשש גדול שהבעל השור הוא אדון שלו ונותן לו מחייתו, וממילא השו"ב שהוא רך הלבב יוכל לבוא לידי מכשול, ולכן אפי' יאסר שו"ב אחר שלו אינו מזיק, והוא עושה כרת, לא יועיל וכו', וכ"ש דבר הנוגע לשחיטה ולבדיקת הסכין חמור הענין ביותר -

ע"כ הצעתי 1.) מקודם לכל לפרסם מכתבי כתוך שיוכל להביא רק היזק ולא תועלת. 2.) שהועד הכשרות ישאלו לכל שו"כ ביחוד חוו"ד בזה, ולהשגיח שלא יבוא לו עיבום ~~...~~ ע"י תשוכתו כזה וד"ל 3.) לעשות העתקה ממכתבי ולשלוח מקודם להרבנים המכשירים שליט"א, אשר המה ראשונים לגלות חוו"ד בזה. 4.) בוועד הכשרות אגלה יותר נימוקים בזה, - אך יען שנוגע הענין לענין רציני לכן הנני ממהר במכתבי זה.

שמואל אברהם ~~...~~
שמואל אברהם וועלטפרייד

# מדריך לכשרות

טראץ דעם וואס הרה"ג משאקאווע שליט"א האט געבעטן מען זאל נישט מפרסם זיין דעם בריוו, זענען מיר געצווינגען געווארן דאס דא איבערדרוקען צוליב צוויי טעמים:

א) געוויסע קוועלן ווילן איינרערן א טייל פון די מאסען אז אונזערע באריבטען וועגן שחיטות זענען נישט ריכטיג באגרינדעט.

ב) טייל שטעלען פאר די פראגע, פארוואס מען האט נישט געהערט מיט די רבנים וועגן די פראבלעמען (זעה מדריך נומ. 20 עמוד כט).

אין דעם בריוו ווערן ארויסגעברענגט **אלע** אונזערע טענות בקיצור. מיט עטליבע שורות ווערט דערמאנט דער שורש פון פראבלעם וועלבער איז מסבב אלע אנדערע פונקטען.

צווייטענס: איז דען נישט גענוג די ווענדונג צו רבנים, אז א חבר פון וועד הפועל של התאחה"ר, הרה"ג משאקאווע שליט"א האט פארגעלייגט זיינע טענות, און דערצו געבעטן צו באטראבטען דעם ענין ערנסט און מתקן זיין ברבעי, און עס איז דעמאלט גארנישט געטאן געווארן.

ערשט אין שנת תשל"ג ווען עס איז עפענטליך ענטשטאנען דער באקאנטער שטורם, דערצו האט א באוואוסטער מורה הוראה פון בארא פארק (וואס האט אויך א טייל גענומען אין די ווייטער געמאלדענע אסיפה) גע'דרש'נט ברבים און פארלאנגט תיקונים, דורך דעם האבן די בני ישיבות וועלבע פאלגען אויס זיינע פסקים, אויסגעאיבט א דרוק. נאר דענסמאל האט מען זיך גענומען צו באהאנדלען וועגן תיקונים. נאר די גאס האט געקענט משפיע זיין לטובה!

אלס א דירעקטער רעזולטאט פון דעם שטורם איז פארענפענטליך געווארן די פאלגענדע מודעה אין צייטונג.

התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

## מודעה נחוצה

היות שבשבועיה האחרונות יצא קול רינון על העופות ה־נשחטים בבית המטבחיים (טשיקן מארקעט) של הפירמא

„וויינלענד כשר פאולטרי" בוויינלאנד, יע"א,

ששוחטים שם מאלף עד חמשה עשר מאות עופות בשעה אחד, ע"י שו"ב אחד.

דין נרשא שביום ג' פ' וארא העעל"ט שלחנו משלחת חשובה מארבעה חברי התאחדות הרבנים, הרבנים הגאונים — ממשעש־קאווא, משארכאש, מטאקאי, מבאמור, שליט"א, כדי ליתן דין וחשבון בפרטיות ממצב הכשרות של המארקעט הנ"ל.

וביום ג' פ' בא כ"ח להרש טבת העעל"ט נתקיימה אסיפה מחברי ועד ההנהלה — והכשרות שע"י התאחדות הרבנים, באולם האסיפות שלנו, אשר בה נכחו הרבנים הגאונים שליט"א: מ־שארכאש מפאפא, מסיגעט, הרה"ג ר' משה צבי ארי' ביק — סוואידיסלאוו, מבאמור, מטאקאי, מסארטיקאוו, מכאסבאטהעלי, והרה"ג ר' נהן יוסף מיועלס.

הרה"ג משטשאקאווא שליט"א נתן דין וחשבון פרטי — בכתב על כל מצב הכשרות של המארקעט, ואחריו מילא את דברו הרה"ג מבאמור שליט"א בעל פה.

אחרי שנשאו ונתנו הרבנים הג' שליט"א בכל פרט ופרט,

**נתברר שאין שום ממש בקול ריגון הנ"ל ח"ו, והוא עקר מוחלט,**

כי אין במציאות שש"ב אחד ישחט שם בשעה אחד יותר בששה מאות עופות. *

והודגש עוה"פ שהשוחטים המה מובהקים ויראי ה', כמו כן המשגיחים, ונוסף ע"ז הבעלי בתים מבית המטבחיים של עופות (טשיקן מארקעט) „וויינלענד כשר פאולטרי" הם שומרי תורה ומצוה, והוץ מהמשגיחים התמידיים מבקרים את המארקעט מזמן לזמן רבנים מובהקים, הנשלחים ע"י ועד הכשרות של התאחדות הרבנים, והכל הוא ב"ה על צד היותר טוב.

התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא

Friday, January 25, 1974

*) זעה פנקסטעלונגען און די וועגן שחיטות עופות דווינלאנדו.

# מדריך לכשרות

א טייל פון די רבנים וועלבע האבען טייל געמענוען (ווי אויך ווי באוואוסט אנדערע רבנים שליט"א) האלטן אז מען זאל נישט שחט'ן מער פון זעקס הונדערט עופות אין איין שעה דורך איין שוחט. גלייכצייטיג זענען דא רבנים גאונים שליט"א וועלבע האלטען אז א מאסען פראדוקציע פון זעקס הונדערט עופות א שעה איז אויך צופיל [זעה בריוו פון ביד"צ מירושלים עיה"ק, אין מדור „המתרחש בעולם הכשרות", מורעה].

אין מדריך נומ. 20 (עמוד כז) האבען מיר באטאנט וייער א וויכטיגען פונקט. מיר ווילען עס דא נאך אמאל איבערחזר'ן: „יעצט איז דער ריכטיגער שעת הכושר מתקן צו זיין די שחיטה אויף צוקונפטיגע דורות. אוועקשטעלן יסורות וועלבע וועלן פארשטארקען און **באווארענען אז די פראבלעמען זאלען נישט פארקומען**".

מיר ווילען באגרינדען אונזערע רייד דורך פארעפענטליכען א וויכטיגען פרט וועלבע איז רן אויפן כלל. באטש מיר האלטען זיך צוריק צו ברייננגען אלע פרטים וועלבע זענען אונז באקאנט אויף פארשידענע שחיטות (אויף וועלבע מיר האבען א באזונדערן חיבור וואס צוליב כבוד אלקים הסתר דבר האבען מיר פארלייפיג דאס נישט פארעפענטליכט געמאכט), איז דאך וויכטיג צו ווארפען א ליכט אויף די ענדערונגען וועלבע ברענגען ארויס א באגריף אויף די שחיטה פראבלעמען.

עס איז לעצטענס דערוואוסט געווארן אז ביי די אויבען־דערמאנטע שחיטה שעכט מען שוין צווישען זיבען און אכט הונדערט עופות א שעה דורך איין שוחט (אזוי האט אויך באשטעטיגט א חשוב'ער מיטגליד פון וועד הנהלה פון התאחדה"ר).

שטעלט זיך די פראגע, וועלבע איז ווייטאגליך, און פארערט אן ענטפער:

1) היתכן אז מען האט נישט מודיע געווען דעם ענדערונג פאר אלע אינטערעסירטע רבנים שליט"א וועלבע האבען זיך באטייליגט אין די אויבען־דערמאנטע אסיפה?

2) פארוואס האט מען נישט געפילט פאר א חוב מפרסם צו זיין דעם אריינגעטרעטענעם ענדערונג פאר דעם ציבור וועלבער פאלגט נאך זייערע רבנים וועלבע האלטען אז מען זאל נישט שחט'ן מער ווי זעקס הונדערט עופות א שעה.

דעם ענטפער אויף אט־די קשיא האבען מיר שוין אפט מאל מבאר געווען באריכות (מדריך 15, 16, 20):

די עניני שחיטות ווערן מאניפולירט אויף אזא אופן, אז טייל מאל קען דערויף נישט העלפען נישט דער שוחט און נישט דער רב המכשיר.

די איינציגע עצה איז ווי געמאלדען אין מדריך נומ. 20.

---

ראוי
להחמיר האדם על עצמו במאכלו שלא יהי' בו צד איסור כלל, שהרי יחזקאל הנביא הי' משבח את עצמו שלא אכל מבהמה שהורה בה חכם אפי' שהיא מותרת, כיון שנפל בה ספק איסור. וכתב ההובת הלבבות שהחסידים הראשונים היו פורשים משבעים שערים משערי המותר, מיראתם שלא יפגעו בשער א' משערי האיסור, עכ"ל הראשית הכמה (הועתק בשל"ה)

# מדריך לכשרות

## בולעטין פון
## בי"ד המיוחד לעניני כשרות
## שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא

מיר האבן שוין עטליכע מאהל מעורר געווען או אזוי ווי טבילת כלים איז מדאורייתא, דארף מען נזהר זיין או די מקוואות וואס געפינען זיך אין די הארדוועיר סטאר'ס פאר טבילת כלים, זאלען האבן א השגחה מעולה. מיר האבן זיך איבערציינט או ס'איז פארהאנען אזעלכע מקוואות וואס ס'איז שוין פאריבער יאהרן או א מורה הוראה איז בכלל נישט געווען דארט.

דערפאר האבן מיר אויף אונזער זיצונג — די סקן העעל"ט — באשלאסען ווי פאלגענד:

א. אויפצופאדערן די בעלי בתים פון הארדוועיר סטאר'ס או זייערע מקוואות מוזען זיין אונטער די אויפזיכט פון א רב מובהק, וואס זאל טראגען דעם אחריות אויפן כשרות פון די מקוה.

ב. ס'איז נישט גענוג וואס כשעת'ן מאכן די מקוה איז אלעס געמאכט געווארן לויט די אנווייזונגען פון א מורה הוראה. נאר די מקוה מוז אויך פון צייט צו צייט קאנטראלירט ווערן אויב זי איז [illegible].

ג. מפרסם זיין א רשימה פון די מקוואות וואס זענען אונטער די אויפזיכט פון הרבנים הגאונים שליט"א, חברי התאחדות הרבנים.

דא איז א ציימווייליגע רשימה ווי פאלגענד:

וויליאמסבורג

- שלעזינגער'ס הארדוועיר סטאר, 116 ליע עוועניו — הרה"ג מוה"ר יוסף אלי' הכהן שטיינער שליט"א, דומ"ץ דקהל עדת יראים.
- טיב טוב (ליכטענשטיין) הארדוועיר סטאר, 125 ליע עווע. — בי"ד המיוחד לעניני כשרות.
- טעגעריט'ס הארדוועיר סטאר, 179 ליע עוועניו — בי"ד המיוחד לעניני כשרות.

בארא פארק

- בארא פארק האוז פורנישונג (יוזיס), 4912 13טע עוועניו — הרה"ג מוה"ר הלל' מיכל ראזענבערג שליט"א, אבד"ק דעברעצין.
- 18טע עוועניו האוזוועיר (דרעזדנער), 4908 18טע עוועניו — הרה"ג מוה"ר יחזקאל ראטה שליט"א, דומ"ץ דקהל יטב לב דסאטמאר, ב. פ.

נ. ב. די הארדוועיר סטאר'ס וואס וועלן אונז מודיע זיין או אויך זייערע מקוואות זענען אונטער די אויפזיכט פון הרה"ג שליט"א חברי התאחדות הרבנים, וועלן מיר דאס מפרסם זיין אין די קומענדיגע מודעות.

**המערכת:**

גלייכצייטיג איז נויטיג מעורר צו זיין אז עס טרעפט אָפט אז די בעלי בתים פון געשיר־געשעפט טובל'ען נישט די כלים עפ"י הלכה. צ.ב.ש. עס ווערט נישט אראפגענומען די צוגעקלעפטע צעטל אדער די זיגעל אדער א שטיקעל שמוץ וכדומה, צוליב די איילעניש. טייל מאל טובל'ט מען צופיעל געשיר אויף איין מאָל און עס קומט נישט צו וואַסער אינעווייניג פון יעדן כלי.

עס איז אויך וויכטיג אז די איינקויפער זאלן פארלאנגען אז די מקוה זאל האבן אן השגחה (זעה מדריך נומ. יג עמוד כ"ו).

כרוז שנתפרסם מהבד"צ:

## הוראות מהגבד"צ
## לאפרושי מאיסורא
## אזהרה
### בענין תרנגולי הודו (אינדיקעס)

היות שהוברר בפני רבותינו הביד"צ שליט"א כי במדגרות מזריקים את האפרוחי הודו בשטח שבין הראש והצואר ע"כ אנו מודיעים בזה בשם הביד"צ כי **אין לאכול תרנגולי הודו רק באותם שיבורר שלא הוזרקו.**

(—)

**היות ומצוי מחלת ריאות בעופות וכן עושים זריקות ע"י צומת הגידין, ע"כ יש לבדוק היטב ועל כל שינוי איזה שהוא בהריאות או ברגל חייבים לעשות שאלת חכם.**

*

על דבר הריעותא המצויה בצומת הגידין החיצוניים של העופות שהליחה הטבעי שבין הגידין מתקשה במין גלד לבן, שהוכחה לבנוניתו אדוק על הגידין ובין הגידין, ושכיח מאד שהגידין בעצמם הם ג"כ לקוים, או שנפסקין לגמרי, (הן הגיד העב ורחב שמתחת העור הן שאר גידין הקטנים שבין גיד העב ובין העצם) והוא ניכר מבחוץ כמין גבשושית קשה, לפעמים בולט הרבה ולפעמים רק מעט, ולפעמים משתנה גם המראה מבחוץ למראה אדמימות או כהול או ירוק.

**אשר על כן הננו להזהיר שעל כל שינוי כל דהו שימצא במקום צומת הגידין שלא להעלים עין מזה ולעשות ביה שאלת חכם כדי שלא להכשל באיסור טריפות ח"ו.**

ולהשומעים ינעם ותבוא עליהם ברכת טוב.

(—)

### ואלו הן הידורים של עופות עם בלומבעם

א) חברי הביד"צ מבקרים ועומדים ב־מקום מזמן לזמן, מו"צ ומומחה לענייני שחיטה מבקר לכל הפחות פעם ל־שבוע, נוסף למשגיח קבוע המפקח מדי יום ביומו על ביצוע כל ההוראות של הגבד"צ.

ב) השוחטים הבודק והמשגיחים אינם מתחילים בעבודתם לפני שעה 5.30 בבוקר, וממילא הם מנוחים ורגועים.

ג) הסכינים נבדקים ע"י בודק מיוחד היושב ובודק את הסכינים אחרי שחי־טת כל 12 עופות.

ד) אחרי כל חצי שעה של שחיטה מפסיקים את השחיטה למנוחה של 10 דקות.

ה) כל עוף עובר בלול מסודר (המיוחד לכך) יותר מד' אמות.

ו) כל עוף חי נבדק ע"י השוחטים בדיקת חוץ.

ז) אחרי השחיטה, שמים העוף בקערה עד שיזוב הדם היטב.

ח) מרכיבים תיכף על הרגל של העוף הבלומבע, ואין חשש של „בשר שנת־עלם מן העין" בין המורטים והעובדים הערבים.

ט) השוחטים והמשגיחים אינם מקבלים שכרם מהסוחר, כך שאין ממהרים בה־שחיטה.

י) אין כאן שרשרת של סרט נע...

יא) השגחה מיוחדת כי העופות עם הבלומבעס לא נעשו בהם זריקה (היסון, תרופות), והם ללא חשש על בשרות העופות.

ועד השחיטה שע"י העדה החרדית

Truly, these are the rights of the manufacturer. What about the rights of the consumers. A solution has to be found to accomadate both rights.

As the law stands now, the name of an organization is sufficient to certify the status of kashrus. In reality their name is not enough information to the consumer.

The certification on a particular product is totally dependent on the qualifications of the mashgiach. Thus the name of the organization is no indication of who certifies the product. There is a definite need to print the name of the actual Rabbi who certifies that the product is kosher.

We urge the public to show their interest and write to the kashrus organizations requesting the names of the mashgichim who certify the particular products of their interest.

## Urge Caution On 'Kosher' Labels

New York has recently enacted legislation limiting the use of the symbols "K" or "KP" to designate items as kosher. The law, which goes into effect January 1, 1978 provides that "K" or "KP" may only be used either as a "kosher" designation or as a registered trademark. Under the law, if the symbols are to refer to Kashruth, the name, address and telephone number of the supervising rabbi or certifying organization must be registered with the New York State Department of Agriculture and Markets, Division of Kosher Law Enforcement.

While the law seems to have been designed to eliminate the confusion regarding these symbols, Sidney Kwestel, President of the National Jewish Commission on Law and Public Affairs (COLPA), issued a note of warning. He said that the utility of the law would lie in how it will be perceived. The law, he said, only provides a means for an individual to pursue the question of a product's kashruth — it does not provide a government regulated certification system. Thus when seeing either a "K" or "KP" on an item the consumer should immediately follow through with determining whether it is being used as a trademark or as a kosher designation at all. If the latter, investigation should follow as to the reliability of the certifying rabbi or organization. It would be tragic, he said, if this law would be viewed as requiring orthodox rabbinic supervision as a condition for the use of the "K" or "KP" which symbols would then be uncritically accepted as necessarily denoting generally accepted certification of Kashruth.

### Kashruth Notice

Dear Editor:

In a recent article in your September 30th edition I was referred to as granting kashruth supervision at a restaurant in New Jersey. Please be informed that I have no association as kashruth supervisor or otherwise with any restaurant or any food concern and that I am also no longer the Rabbinic Administrator of the Kashruth Division of the Union of Orthodox Jewish Congregations of America.

Rabbi Berel Wein
Monsey, N.Y.

JP

# KOSHER FOOD LAW

By now the public is well aware about the new kosher food law. All advertisers, legally, must identify the name of the certifying Rabbi or organization, if kashrus is mentioned in the ad.

This law is important from a legal stand point. But, it does not help the consumer, unless there is a proper follow up from the consumers side.

If we look at the food advertisements we see no changes, yet. On a daily basis we still see kosher ads without mentioning the name of the certifying Rabbi.

It is your duty as a kashrus consumer to notify the Kosher Law Enforcement Division of N.Y. State Dept. of Agriculture to do something about enforcing the law.

This law should be extended to include labeling, too, not only advertisements. The consumer that picks up a product has a fundamental right to know who certifies that it is kosher.

We know that there might be opposition to this law from some manufacturers. They would rather not have an hashgocha than having to indicate the Rabbi's name on the wrapper. They sometimes find that they are being boycotted f.om anti-Semitic groups. There has been official boycotts from groups such as the Revolutionary Daughters, who feel that by buying a product bearing a kosher symbol, they promote Jewish causes.

This is the reason why products bearing a symbol i.e. Ⓤ or Ⓚ etc. dont indicate dairy, parve or otherwise. The companies feel that a symbol without any additional writing is not as provocative to the gentile (not knowing exactly what it stands for and mostly not being noticed at all). But any additional markings clearly denote a kosher symbol, and might cause them problems.

The matter was brought to the attention of the leaders of the Ⓤ, but no change has been made to date. No effort was even made to question the references given.

Therefore, before one considers eating products which require a hashgocho, especially meat products or at restaurants, one should think into the great responsibility which is taken upon oneself.

At the time that this Madrich is going to press, we were informed through highly reliable sources that the coordinator of the Ⓤ is about to leave his post.

---

## 44 Violate Kosher Labeling Law

The Kosher Law Enforcement of the New York State Department of Agriculture and Markets reports that 44 cases have been referred to the Legal Department for penalty during the period of July 26 to October 31, in violation of the Kosher labeling law.

The violations were found in counties throughout the state, through the routine system of kosher food inspection services in supermarkets, kosher restaurants, kosher resort hotels, kosher caterers, kosher butchers, a wholesale provision factory and a kosher camp.

The types of violations issued were 120 lbs. of non-kosher sweetbreads to be sold as kosher, hundreds of non-kosherized tongues irreversibly made non-kosher after being found soaking in barrels filled with brine salt water, non soaked and salted meat being sold as soaked and salted, non-kosher food, ingredients or additives used in kosher restaurants and hotels.

During the same period in 1976 our records indicate 19 violations.

The Kosher Law Enforcement Divison stresses with great emphasis that the majority of the kosher industry is aware of its responsibility to meet the requirements of the kosher labeling laws as specified by the Department of Agriculture and Markets. However, for the few who do not comply with these laws the division protects the consumer from misrepresentation, mislabeling, misbranding and deception.

The division also appeals to all kosher consumers to be on the alert and kindly call 488-4830, the special complaint number, on any matter that seems suspicious. All complaints are taken seriously and investigated within 24 hours with the name of the caller remaining anonymous.

Kosher consumer protection will be greatly enhanced by the assistance of the concerned consumer.

## Important Observations Concerning Hashgachos Under the ⓤ

As the reader will recall, in Madrich No. 14, we described the chaos which exists by the hashgachos that are under the ⓤ. It is sad to see that till this day no serious steps were taken to rectify the situation.

Actually some minor steps have been taken by the ⓤ, such as putting certain notices in newspapers. Also during this time the highest post of the administration became vacant. However, no serious changes which would alter the system, and follow up the complaints of the public, has taken place.

*Especially distressing* are the *Hashgochos* on the *meat products*. By their *Glatt* shchitos such as Cros Bros., and Sunflower, where nothing has been done to remedy the situation, Some of the Shochtim at the Sunflower plant claim that the Kashrus is not as it should be. The ⓤ has not found it important enough to improve the situation.

## *After the Madrich was released, we were notified that the ⓤ will withdraw their hashgocho from Sunflower*

"By 1955 it represented only 3.4 percent of the total distilled spirits marketed here. Last year 28.6 million cases of vodka were purchased by Americans, representing more than 20 percent of all the distilled spirits sold in the country.

"Yesterday you could buy it from Russia, Poland, England, Austria, Holland, Finland, Denmark or America, made from potatoes or grain. Now, vodka drinkers have the opportunity to enjoy it made from California grapes," Ivie said.

Ivie said that natural grape vodka is four times more costly to produce than traditional grain vodkas. He pointed out that Silverado possesses a singular richness and quality which could be achieved only by using a dry white wine which has been distilled twice, charcoal-filtered and blended with pure well water to bring it to 80 proof.

"It's vodka and not white brandy because it's distilled at 192 proof--2 percent more than the law requires—whereas brandy is distilled at 170 proof, and must be kept in barrels for two years. Silverado is a cleaner and more natural vodka, we feel, than has ever before been produced, and is available now throughout the greater Bay area for $6.39 for a quart; $5.45 for the 750 milliliter size or $1.59 for the 200 milliliter bottle," declared Ivie.

He said that they recommend that the bottles be kept in the freezer and served encased in ice because the product actually thickens when it's close to freezing, adding a smoothness that is quite unique.

One journalist at the tasting press conference said, "I'm a vodka drinker and I can tell you this is one helluva good vodka."

Ivie said it took 26 months of some pretty convincing discussion with BATF to get permission to label Silverado as "California" vodka. He said that the BATF is extremely reluctant to pass blessing on varietal labels, whereas we feel the California designation is very important in marketing the product.

"We have a goal of 30,000 to 40,000 cases in a market area that saw one million cases sold last year," concluded Ivie.

THE JEWISH HOMEMAKER

... ראיתי בקונטרס הנ"ל שהפירמא קירש קאמפאני כשר, ובאתי לשאול האיך אפשר להיות כשר בית־חרושת שמחלל שבת בפרהסיא. וגם אין לו הכשר תמידי מרב מובהק ת"ח ויר"ש. נא לפרסם מכתב זה וגם להשיב לי תיכף ומיד.

ידידכם אלכסנדר אליעזר קנאפלער
(ברוקלין)

# מדריך לכשרות

**תשובת המערכת:**

1 — לא נדפס שקירש קאמפאני כשר. הם מייצרים סאדע תחת כמה שמות כגון Kirsch, No-cal, Hammer מינים שונים, וטעמים שונים, „הוועד" לא בירר רק מינים מצומצמים בשם המפורש קירש.

2 — תוצרותיהם לא נתבררו מבחינת הנאמנות של בעלי החרושת שאינו נוגע בכלל. נא לעיין במדריך כ"ז (רעסטעראנטס און קייטערערס עמוד 11), שביארנו החילוק בין בעל מסעדה או קייטערער, שהנאמנות תלוי' בו, ובין בעל חרושת גדול שאין הכשרות תלוי בו. נאמנותו של בעה"ב בבית חרושת ענקי אינו מעלה או מוריד את נקודת הכשרות.

3 — אין לחוש במאכל או משקה שלפנינו שנעשה בשבת ע"י מחללי שבת ועי"ז אסור באכילה. בדרך כלל בתי החרושת במדינתנו אינם עובדים בשבת והנ"מ הוא רק לשעה אחת של ערב שבת בימי החורף, שאז עובדים אע"פ שכבר נכנס שבת, ואף אם עובדים בשבת הוי רק מיעוט מתוצרותיהם.

4 — „קירש" עומד תחת השגחה של שני רבנים שליט"א, הדגשנו במדריך נומ. 13 [ששם כתבנו הפעסטשטעלונג מהביקור]: כשר בלי השגחה תמידית.

5 — אינו בנמצא כלל שום סאדע באמעריקע שיהי' תחת השגחה תמידית בשעת עשיית הפלייווער, וגם בהבאטלינג־פלענט. על כמה מההרכבים ממש א"א לסדר השגחה.

## "Creamer" Bill Passes Both Houses

A bill to clarify the misleading label "non-dairy product" or "non-dairy creamer" on dairy substitutes that do contain milk or cream, written and sponsored by Assemblyman Howard L. Lasher (D-L Brooklyn), has passed both houses of the Legislature and now awaits signing by Governor Carey.

Assemblyman Lasher said, "At present, some producers of cream and milk substitutes are printing "non-dairy creamer" or "not a dairy product" on the label when, in fact, the product contains a milk derivative, and is therefore dairy according to Jewish Law. No provision of the law prevents them from doing this — in fact, the law in some states now prohibits the advertising of such products without the words 'not a dairy product' or 'non-dairy.' "

The problem is that sodium caseinate, commonly used in cream, is a phosphoprotein of milk. Although Jewish Law states that the product is dairy, New York State law considers it non-dairy.

Assemblyman Lasher further stated that sodium caseinate is produced when milk is curdled by rennet. "It is obvious that sodium caseinate is a dairy product and should be denoted as such."

"Many times, I have gone into homes where, after a meat meal, people would serve coffee with a 'non-dairy creamer' which contained sodium caseinate. I would then have to explain to these people that the creamer is dairy and set forth the reasons."

The bill provides that when a milk derivative is used, the words "derived from a milk byproduct" must be stated after the ingredient. The only exception is granted when the product is under Rabbinical supervision and is marked as being dairy together with the Rabbinical designation.

"This bill is most important to religious Jews who adhere to the Kosher Dietary Laws and are misled by the 'non-dairy' designation on the label."

However, Assemblyman Lasher also said that this bill will aid those people who are on dairy-free diets and must abstain from any milk or dairy derivative.

# מדריך לכשרות

## אזהרות הוועד

זומער איז א צייט ווען מענטשען פאָרען ארויס אין די בערג, פראווינצען, אדער אנדערע ערהוילונגס־ערטער. ווי באקאנט שטויסט מען זיך דארטן מיט געוויסע נסיונות וועלכע זענען מער אקטועל אין די פרעמד ווי אינדערהיים. דערצו איז די טבע זיך מקיל צו זיין ווען מען איז אין די פרעמד, און אויסער די יסודות פון קדושת הזמן און קדושת השכל ווערט אויך נאכגעלאזט די קדושת הגוף. ביי דעם יסוד שפילט „כשרות" איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע ראלעס.

עס איז טרעפליך און נויטיק מעורר צו זיין עטליכע וויכטיגע פונקטן וועגן „כשרות".

**איינקויפען:**

אין דער פרעמד קען זיך דער איינקויפער נישט ערלויבען צו קויפען פון וועם ער וויל און פון וואס ער וויל. דער אויסוואָל פון סוחרים און / אדער מאכלים איז באגרעניצט צו א געוויסען מאס.

די טבע פון א מענטש איז, אז ער וויל נישט נאכלאזען פון זיין געוואוינהייט, און אוודאי נישט באגענוגען מיט ווינציגער און קלענערע אויסוואל פון מאכלים. אזוי ווי ער געפינט נישט שטענדיג דעם געוויסען פראדוקט פון דעם באשטימטען ערצייגער וועלכע ער איז מהדר צו קויפען אין שטאט, גיט ער זיך אַן עצה און איז זיך מתיר צו קויפען אן ענליכע פראדוקט פון א צווייטען ערצייגער, כאשט מעגליך עס האט נישט די זעלבע הידורים ווי די וועלכע ער קויפט שטענדיג.

דאס זעלבע איז מיט געפאקטע מאכלים פון גראסערי, מיט בעקעריי־פראדוקטען, פיש־פראדוקטען, און טייל מאל אויך פלייש־פראדוקטען. אזוי ווי דעליווערים זענען באגרעניצט פון די שטאטישע פלייש בענק צו יעדן יחיד אין זיין קוראָרט, טרעפט זיך אז דער קונה קויפט נישט זומער־צייט פון זעלבען בוטשער ווי ער איז מהדר צו קויפען א גאנץ יאר, און טיילווייז אויך נישט פון זעלבען שחיטה.

די דערמאנטע פראבלעם פאַרשאַרפט זיך דורך דעם וואס אין די בונגאָלו־קאלאניעס וואוינען צוזאמען אסאך משפחות שומרי תומ"צ און איינער מאכט נאך דעם צווייטען (אין דעם געביט) אפילו בלינדערהייט. „סוף כל סוף", טענה'ט דער שכן, „אויב עס איז גוט פאר חיים יעקל'ס און בעריל'ס משפחה, פארוואס זאל עס נישט זיין גענוג גוט פאר אונזער משפחה".

דער איינקויפער האט א דאפעלטע אחריות אין די בונגאלו־קאלאני. איינס פאר זיין קדושת הגוף און צווייטענס פאר דעם שכן'ס וועלכע וועט איהם נאכמאכען זיינע היתרים און קולא'ס.

### „אָ־יו"

עס איז שוין געשריבען געווארען אַ פּאָר מאל וועגען די אומ־רעגולאציעס אין די „אָ־יו" השגחה. די מאסען טארען נישט זיין גלייכגילטיג, זיי דארפען איבען א דרוק עס זאל געטאן ווערן די תיקונים וועלכע פארלאנגען זיך פאר א ריכטיגע פארלעסליכע השגחה, אין איינקאלנג מיט די פארלאנגען פון „וועד הכשרות".

עס פארדרוסט און עס טוט וויי צו הערן אז עס ווערט נאך אלץ געגעסן פראדוקטען אונטער די אָ־יו אויף וועלכע עס פארלאנגט זיך ערנסטע השגחות, ומכש"כ גלאטע פליישען און **דעליקאטעסן אונטער זייערע השגחות.**

עס ליגט א חוב אויף יעדן וועלכער איז אינטערעסירט אז ריכטיגע כשרות זאל דאמינירען, צו טאן אלעס וואס נאר מעגליך, מען זאל מאכען די תיקונים.

### א"י פראדוקטען

מען מוז זיין געווארענט נישט צו נוצען א"י פראדוקטען אהן קיין הכשר וועלכע איז אנגענומען אלץ פארלעסליך. אויסער די געוועגטליכע חששות וועלכע געפינען זיך אין פראדוקטן, קומט נאך צו די שאלה פון תרומות, מעשרות, ערלה וכו'.

סתם א הכשר פון רבנות בא"י קען נישט אלעמאל אנגענומען ווערן אלץ פארלעסליך.

### אייזעס

אייזעס טאר נישט גענוצט ווערן אהן קיין הכשר, עס באשטייט נישט נאר פון וואסער און צוקער, עס ווערט אריינגעמישט אנדערע איינהאלטען וועלכע זענען נישט פארלעסליך אהן א הכשר. (די כשר'ע אייזעס ווערן אנדערשט געמאכט ווי די אהן א הכשר), ווי צ.ב.ש. אימאלסיפייער. אויך ווערט אייזעס אָפּט מאל אויפגעקאכט אין די זעלבע כלים וואו מילך אדער גרייפ־דזשוס (מיץ ענבים).

### אייז־קרים

אלע מילכיגע אייז־קרים אין ניו־יארקער געגענט, אהן קיין אויסנאם, אפי' מיט דעם הכשר פון Ⓤ Ⓚ Ⓟ זענען נישט פון חלב ישראל, אויסער „ריעל" כשר אייז־קרים. די אייזעס און אייז־קרים וועלכע האבען נישט דעם נאמען פון רב המכשיר דערויף, זענען נישט די זעלבע ווי די מיט דעם הכשר, כאטש עס ווערט פארקויפט דורך דעם זעלבן מענטש און עס ווערט אפט מאל צוגעלייגט דורך דעם דרייווער אז עס איז די זעלבע.

# מדריך לכשרות

## מילך

אפילו די וועלכע נוצן נישט קיין סימילאק פאר זייערע קליינע קינדער צוליב די שאלה פון חלב שחלבו עכו"ם ואין ישראל רואהו, זענען זיך טיילווייז מתיר אין די קאנטרי דאס יא צו נוצען.

זענען מיר מודיע, אז ר' פידמא באשטעטיגט אז אייסאָמיל (Isomil) ערהאלט די זעלבע נערהאפטיגע קוואליטעטן ווי סימילאק (Similac), און אויף אייסאָמיל איז נישט פארהאנען די פראגע פון חלב סתם. פאשטענדליך, אז מען דארף זיך נישט אריינלאזען אין די שאלה פון חלב עכו"ם וועלכע געפינט זיך ביי סימילאק, אויב מען קען נוצען אַן ענליכע פראדוקט אָהן דעם חשש, ווי צ.ב.ש. אייסאָמיל, וועלכע איז פראדוצירט ביי די זעלבע פאבריק.

## בוטשער סטארס (פלייש בענק)

עס זענען פארהאנען פלייש געשעפטן וועלכע נעמען אריין פארשידענע פליישען פון אַ פּאָר שלאכט־הייזער. זיי רעקלאמירען אז זיי פארקויפן גלאט פלייש פון די אדער יענע שחיטה וועלכע די קונדען זענען מהדר צו קויפען.

דער קונה קען נישט וויסען פון וואו עס קומט דער שטיקעל בהמה פלייש אדער געפערטלטע עוף. ער קען ווערן אפגענארט און מיינען אז ער קויפט פון די שחיטה אויף וועלכע ער איז שטענדיג מהדר.

פארלאנגט א קלאָרקייט פון אייער פלייש געשעפט וואס פאר א שחיטה ער נוצט. דערצו דארף מען זיין פארזיכטיג נאר צו קויפען פון א שחיטה וועלכע איז על צד היותר טוב.

## ברויט — געבאקענע פראדוקטען

זומער זענען א טייל נישט פאָרזיכטיג אין קויפן געבאקענע פראדוקטען וועלכע מעגליך זענען פת פלטר אדער פת הנילושה בחָלב **כאטש עס האט א הכשר.**

אגב: עס ווערט פארקויפט ברויט אונטער די השגחה פון Ⓤ Ⓚ וועלכע זענען פת פלטר, עס ווערט אויך פארקויפט מילכיגע ברויט, פת הנילושה בחָלב מיט דעם כשרות צייכען Ⓤ Ⓚ.

קויפט נאר ביי א היימישען בעקערי א שומר תומ"צ, וועלכע איז אויך באקאנט מיט די כשרות פון די אינהאלט (מישונגען).

אפילו אויב די אינהאלטען זענען בסדר, דארף מען מאכען זיכער אז דער בעקער האט נאמנות לגבי נעמען חלה. דאס ווענדעט זיך נישט אלץ אין בעל הבית. ווייל מען באַקט ביינאכט און פארטאגס ווען דער בעה"ב איז נישט דארט.

## דרינקס — געטראנקען

דרינקס ווערן אָפטמאָל אויפגעקאכט (פאסטויריזירט) אין די זעלבע כלים ווי מילך אדער גרעיפ־דזשוס (מיץ ענבים).

## מילך

אין די פראווינץ ווערט פארקויפט זומער־צייט חלב ישראל וועלכע מען באנוצט זיך מיט א היתר, זיי כשר'ן די כלים וועלעכע זענען בן יומו פון סתם מילך, מיט א דבר הפוגם, ביטע פרעגט א שאלה ביי אייער מורה הוראה.

## פיש — פיללעי

עפ"י שו"ע דארף יעדער פיש וועלעכע קומט אהן די הויט האבן א הכשר אדער א ריכטיגע צייכען אז עס איז א כשר'ע פיש.

פיללעי איז א פארמאט פון צוגרייטן פיש (נישט א מין פיש), עס האט נישט קיין הויט אדערביינער. אלע פיללעי דארפן א הכשר ווייל מען קען נישט פעסטשטעלן דעם מין פיש.

זומער איז שכיח אז מען קויפט פיש ביי נישט קיין שומרי תומ"צ זאל מען נישט קויפן נאר פיש מיט סימנים. מען דארף אויך זיין זיכער אז מיט דעם זעלבן מעסער שניידט מען נישט אויף קיין טריפה'נע פיש. דאס זעלבע מיט דעם מאָלען פון פיש.

## פיש־פלייש דעליווערי

אויב מען שיקט אבגעשינדענע פיש אדער פלייש, אדער ווייך מיט א שיק־אינגל (דעליווערי־בוי) וועלעכער איז נישט באגלייבט עפ"י שו"ע מוז דאס עסענווארג זיין געזיגלט מיט א חותם בתוך חותם.

## פיצא — פאַלאַפעל

א טייל פון די פיצא געשעפטן קויפן דאס ברויט, פיתה, געפרוירען און זענען נישט פארזיכטיג אויף פת ישראל, א טייל נוצען אויך נישט קיין חלב ישראל קעזען ווי צ.ב.ש. „מגדל" „טעם טוב" און שרייבן אז זיי נוצען נאר חלב ישראל, די דערמאנטע קעזען האבען א הכשר, אבער זענען נישט קיין חלב ישראל.

חוץ מזה, דארף מען זיין געווארענט פון צו גיין דארט וואו עס געפינען זיך תערובות ופריצות, כידוע. ווער עס האט א ריח פון יראת שמים טאר נישט אריינטרעטן אין אזא ארט.

# מדריך לכשרות

## נאשערייען

גערעדעט, אז רוב נאשערייען דארפן א ריכטיגען הכשר. זייט געווארענט פון צו נוצן פראדוקטען וועלכע זענען נישט מבורר געווארען אלס כשר. און איבעריג אונטער צו שטרייכען, אז נאשערייען אָן קיין שום השגחה — טאר מען נישט נוצען!

## תולעים — ווערים

זומער, דארף מען איבערהויפט, זיין פארזיכטיג אין דעם פרט. די פאלגענדע פראדוקטן איז ראטזאם צו האלטען אין רעפריזשערעיטער (קוהל-אפאראט). אדער נישט צו האלטען אין א וואַרעם פלאץ.

פּאַפּריקע, לאקשן, פערפל און מעל, די ווארימקייט שאַפט ווערים אפילו אויב עס איז אינגאנצן פארמאכט די שאכטעל.

די פאלגענדע פרוכט און גרינצייג דארף מען בודק זיין פארן עסען:

קירשען (טשעריס).
ניסען (ווען מען זעט עפּעס א פאַרענדערונגביים עפענען, אין זומער צייט).
ספינאטש.
קאליפלאער.
לעטערס (סאלאט).
קרויט.
ברוסל ספראט.
שוועמלעך (מאשרום).
מאלינעס (רעסבעריס — פיל עסען עס נישט, ווייל מען קען דאס נישט בודק זיין).

א טייל האלטען אז מען דארף בודק זיין אויך גרינע ארבעסן, גרינע צוויבעל, טייטלען, פלוימען. פרעגט א שאלה.

**פארזיכערט אייער געוויסן — פארבינדט אייך מיט אייערע פראגען מיטן „וועד הכשרות״, וועלכע איז די איינציגע אומבויגזאמע, מוטיגע און אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאציע וואס ברענגט פּאַרלעסליכע, גרונטליכע און נויטיגע ידיעות אין דעם געביט פון כשרות.**


Computerized calenders available with daily "Zmanim"
according to various shitos — for any place
prepared by Hershel Edelstein
4 Albert Drive, Monsey, N.Y. 10952 (914) 425-3073

# מדריך לכשרות

## שימו לב

**שפייז אינהאַלטן :**

געוואוינט אייך צו ליינען, באטראכטן, און זיין פּאַרזיכטיג וועגן די שפייז־אינהאלטן (אינגרידיענטס) וועלכע ווערן געדרוקט אויף יעדע שפייז.

די אינהאלט אינפארמאציע ווערט געדרוקט לויט דעם באפעל פון די רעגירונג פאר אייער געברויך. ניצט אויס די פריווילעגיע.

הגם די אינהאלטן זענען ווייט פון זיין ריכטיג [צוליב געוויסע „לופהאלס" (Loopholes) אין די אמעריקאנער לעייבעלונג געזעצען. [זע מדריך נומ. 9, תמוז תשל"ה], און מען קען זיך בשום אופן נישט פארלאזען צו נוצען א פראדוקט אויף דעם סמך פון די אינגרידיענטס, אבער לחומרא קען מען זיך סומך זיין דערויף.

פראדוקטען מיט די פאלגענדע אינהאלטען זאלן נישט גענוצט ווערן נאר מיט א פארלעסליכע השגחה. א טייל פון די אינהאלטן זענען וודאי נישט כשר, אדער ספק נישט כשר. א טייל זענען בתערובות איסור און א טייל האבן פארצוייגטע חששות. מיר ברענגען נאר אראָפּ די אינגרידיענטס וועלכע ווערן מערסטענס גענוצט. פארשטענדליך אז עס זענען פארהאנען אסאך נישט כשר'ע (דבר שאין להם סוף) אינגרידיענטס וועלכע ווערן נישט דאָ אראפגעברענגט :

The following is a listing of commonly used ingredients which require supervision :

Calcium Stearate
Castoreum
Civet
Cognac
Diglyceride
Emulsifier (except Lechitin)
Esters
Ethyl Palargonate
Fatty Acid
Flavor
Gelatin
Glycerine
Glyceride
Glycerol
Gum Base
Lipid
Magnesium Stearate
Mono & Diglyceride
Monoester
Monostearate
Musk
Oil
Palargonic Acid
Pepper Cream
Pepsin
Polyglycerol
Polysorbate 60, 65, 80
Rennet
Shortening
Softeners
Sorbitan Monostearate
Span & Tween
Stabilizer
Stearic Acid
Stearate
Tristearin
Tumeric

# מדריך לכשרות

די פאלגענדע אינהאלטען זענען מיליכיג נישט פון חלב ישראל:

CALCIUM LACTATE
CASEIN
CURD
LACTOSE
LACTIC ACID (in Dairy Products only)
WHEY

**מארגארין:**

רוב מארגארין, אפילו מיט א הכשר, זענען מילכיג. אויב עס איז נישט מילכיג דארף זיין אויפגעצייכענט אויף דעם פאפיר „פארווע״ לעבן דעם הכשר. אויב עס האט נאר א הכשר־צייכען אָהן פארווע, איז דאס מילכיג.

**בונדלעך — געקענט:**

די פירמעס וועלכע פאקען בונדלעך, פאקען אלגעמיין דעם פראדוקט געמישט מיט פלייש (דאס איז נוסח אמעריקע).

אפילו די וועלכע ווערן נישט געמישט מיט פלייש, ווערן צוגעגרייט און געקאָכט אין די זעלבע כלים. **די פאלגענדע מוזען האבן אן השגחה:**

Chick Peas, Beansprouts, Vegetarian Beans.

**פרוכט און גרינצייג — געקענט:**

אין די פאלגענדע פראדוקטען ווערט מעגליך ארייגעמישט פלייש, און / אדער מילך, קעז:

Fruit Soup, Vegetable Soup, Baby Food Jars, Fruit Fillings, Sauces, Ketchup, Chow Mein, Fruit Cans W/ Flavorings.

## Silver-Connor Kosher Food Labeling Bill Passes Legislature

ALBANY, N.Y.-Assemblyman Sheldon Silver (D-Manhattan) and Senator Martin Connor (D-Brooklyn, Manhattan) announced that their bill to protect consumers of Kosher food products has passed both houses of the New York State Legislature. The bill will increase the types of markings of Kosher food products which must have special certification registered with the State Department of Agriculture and Markets.

Under current law, food processors who use the letters "K" or "KP" must register the name and address of the certifying rabbi or organization with the Department of Agriculture and Markets. Assemblyman Silver and Senator Connor's bill will add any food in packages which are marked "rabbinical supervision," "KM," or 'KOS" to identify products as Kosher or Kosher for Passover.

"Until now," Senator Connor explained, "food packers have been able to use these terms without any certifying requirement from an ordained rabbi."

"Consumers of Kosher food," Assemblyman Silver elaborated, "will soon be able to buy products carrying these markings with the knowledge that they are protected under the law."

The bill has been sent to the Governor, and is expected to be signed shortly. It will become law on January 1, 1980.

Answer :

The majority of margarines contain some form of milk (Cholov Acum). In addition they contain oils, fats, emulsifier, stabilizers, glycerides. Needless to say "strict supervision" is a necessity.

The pareve problem is a real confusion. There are some margarines which are pareve even though there is no mention of it on the product. To avoid "micsholim" stick to your rule.

The same yardstick should be used on so called "non dairy" creamers and imitation sour cream. They actually are dairy, but not a natural dairy product.

The kashrus organizations, OU, OK etc. claim that these problems are beyond their control, some companies would not print any lettering "dairy" or "pareve"; not to provoke the public. (A mere symbol is not so noticeable). They usually just note in their kashrus directories that this product is dairy.

The time is ripe for the organizations and / or supervisors to adapt a healthier attitude and comprehend the "michsholim" involved as a result of this so called labeling neglect.

A stronger stand and henceforth stricter measures are definitely needed. The directory product listing (as milichig) does not help the cunsumer in the store.

*Note: some Mazola products do not carry the OU at all.*

1.5&3 KEDEM® liter bottles are not מבושל, as many of our customers prefer. If you would rather have יין מבושל (as do hotels and caterers) then our smaller sized bottles in 750&187 ml. are just right.

# מדריך לכשרות

Gentlemen :

. . . The Nova Scotia Food Products Co. sells non Kosher Fish. Obviously there is no kashrus endorsement on those "Novie Brand" products. The problem lies in the fact that the stores don't realize that some of their products are non Kosher and in return is being passed on to the customer as a Kosher product (especially smoked products in bulk form where there is no wrapper) . . .

*Vera Weiss (Brooklyn)*

P.S. Novie Brand Cream Herring is milichig (Cholov Acum)

Esteemed Vaad,

Please explain why pickles need a hechsher . . .

*Mendel Hartstein (Manhattan)*

**Answer:**

Essential oils such as tumeric or pepper cream are often added to the pickling brine. Since the oil is insoluble in other liquid it has to be blended with Polysorbate 80 which are processed from fatty acid (animal or vegetable). The glycerides are a basic ingredient used as an emulsifier.

These spices might possibly be added to prepared mustard, too. All products containig tumeric or pepper cream should not be used unless it is propery endorsed.

In addition, pickles contain vinegar which require supervision (it might be wine vinegar or at best made in the same utensils as wine vinegar).

Dear Editors:

. . . Important note to the readers of the Madrich. I have found out that not all *Mazola* margarine are pareve. There is no indication what so ever that it is milchig. It has the same OU symbol as the pareve type. I guess if there is no pareve symbol we have to assume it is not pareve. I learned the hard way after using a milchig margarine as pareve . . . Some diet margarines have an OU pareve on the outer master box but not on each tub of margarine.

*M. Katz (Brooklyn)*

# מדריך לכשרות

# Are You Sure?
# Are You Positive?
# Think Before You Eat!

## Get The Facts. Read The "Madrich Lakashrus. A Yiddish-English Kashrus Publication.
## Vaad Hakashrus - A Non-Profit Public Service Organization.



MADRICH LAKASHRUS — "The Guide to Kashrus" Yiddish and English periodical published by the Vaad Hakashrus, 1474 — 44th St., Brooklyn, N.Y. 11219, a non-profit public service organization dedicated to strengthening of Kashrus through research and development,

Founded under the auspices of leading rabbonim headed by Rabbi Moshe Stern Shlita Rav of Cong. Khal Yesode Hatorah, Brooklyn (Debreciner Rav)


...שמעתיה משם הרב הקדוש מהר"י לוריא זצוק"ל, והוא, כי לפעמים יתהפך האדם וישתנה מטוב לרע בטבעו ומזגו, ולא ידע מאיזה סיבה, והוא עצמו יתמה איך נהפך בדעתו, ואמר (האריז"ל) כי זה יסובב לצד שלפעמים יאכל אדם מאכל שיש בו מחלקי הרע... חשומר עצמו ממאכלות הרעות יתגבר בו החפץ בדברים הנוגעים לנפש.

(אור החיים פ' אחרי י"ח ג')

# MADRICH LAKASHRUS

"THE GUIDE TO KASHRUS"

May-June '79 Issue No. 28 Vol 5

ועד הכשרות

KOSHER כשר

VAAD HAKASHRUS

A Public Service Organization
Dedicated to Strengthening of Kashrus
Through Research and Development

Non-Profit Org.
U. S. POSTAGE
Paid
Brooklyn, N. Y.
Permit No. 11517

28

If your label indicates that your subscription has expired, renew it now. Please don't wait for reminders.

בעזהי״ת

# מדריך לכשרות

כולל ידיעות, דיונים ובירורים בעניני כשרות

**חודש כסלו ה׳תש״מ, קונטרס ל׳, כרך ה׳**

---

יוצא לאור ע״י

## וועד הכשרות

ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

**באמצעים של בירור, חקירה ודרישה, התיעצות, הודעה, והצעה**

# מדריך לכשרות

— ירחון דהתאחדות הקהלות —

כולל תשובות, מכתבים ובירורים בענין כשרות המאכלים

מעגליך אז דער „מדריך" איז א נייער גליון ביי אייך אין שטוב, אבער באמת ווערט דער מדריך שוין געדרוקט זייט תשל"ד לפ"ג. (מיר שיקען אייך פריערדיגע מדריכים כדי איהר זאלט באקאנט ווערן מיט דעם פאָרמאַט פון מדריך).

דער „מדריך" ווערט ארויסגעגעבן פאר אייערט וועגן און לטובת דעם ציבור וועלכער פארלאנגט דעם אמת וועגן כשרות.

דער „מדריך" ברענגט אייך די שווער־געפונענע פאַקטן וועלכע איהר קענט נישט אליין געוואויר ווערן, און אויך נישט געפינען אין קיין שום אנדערן ירחון, קונטרס, אדער בלאט.

שטעלט אויס דעם אבאנענטן פאָרם און ווערט היינט א חבר צום „וועד הכשרות". לטובתך, לטובת הציבור ולמען האמת והצדק.

אין אַמעריקע

| | |
|---|---|
| 1 יאָר | $ 6.00 |
| 2 יאָר | $ 11.00 |
| 3 יאָר | $ 16.00 |

ביי געלייגט איז די סומע פון ...... $

☐ 1 יאָר ☐ 2 יאָר ☐ 3 יאָר

נאָמען ..........................................................................................

אַדרעס ..........................................................................................

שטאַט ............ לאַנד ............ זיפּ נומער (פאסט געגענט)........

צייכענט אָן אויב דאָס איז א באנייאונג אָדער א נייע סובסקריפּשאָן.

☐ אלטער מעמבער
☐ נייער מעמבער

## שימו לב

# ניקור החלב

לעצטענס האט זיך געטומעלט וועגן די אמעריקאנער סיסטעם פון רייניגען די פעטענס (מנקר זיין).

בקיצור, עס האנדעלט זיך וועגן צוויי פלעצער אין די בהמה וואו מען איז נישט מנקר ווי עס באדארף צו זיין: 1) פעטענס ביי די רויטע פלייש (tender line); 2) ביי די plate צווישען צוויי פליישען.

באמת איז דאס א הלכה'דיגע פראגע וועלכע ווערט באהאנדעלט אין שו"ע יו"ד סי' ס"ד סעי' ז' וי"ב, עי' רמ"א צוויי מנהגים.

די אמאליגע מנהגים אין די שטעטלעך (לויט די הדרכה פון די גדולים ז"ל פאר די מלחמה), זענען געווען געטיילט.

אין אונגארן און גאליציע האט מען זיך געפירט נישט מנקר זיין אין טייל מקומות; אין רוסלאנד און די ליטא האט מען זיך געפירט לחומרא און מען האט מקפיד געווען מנקר צו זיין.

היינט צו טאג איז אויך געטיילט די מנהגים צווישען אמעריקא און ארץ ישראל. אין א"י איז מען מקפיד מנקר צו זיין, און אויך אין אמעריקע האט מען פאר די קריג ביי טייל ערטער מנקר געווען. אבער די בוטשערס וועלכע זענען געקומען דאָ אין לאַנד נאך די קריג, זענען נישט מנקר ביי די מקומות. [אפילו די וועלכע ווייסען יא ווי אזוי ריכטיג מנקר זיין (ליידער זענען פאראנען בוטשערס וועלכע זענען בכלל נישט גוט באקאנט אין ניקור)].

מיר דרוקען איבער די מודעה וועגן די פראגע פון ניקור החֵלב אין וועלכע עס ווערט ארויסגעברענגט להלכה ולמעשה זיך צו פירען אזוי ווי אין אונגארן און גאליציע. דער פסק איז אויך די שטעלונג פון „ועד הכשרות" עפ"י הוראת המפקח הגאב"ד מדעברעצין שליט"א.

טראץ דעם, ווילן מיר ארויסדרוקען אונזערע רעזערוואציע איבער דעם ענין.

היות די יוצאי ליטא און א"י און אויך טייל פון די אלטע איינוואוינער אין אמעריקע זענען מחמיר אין די הלכה, איז וויכטיג מודיע צו זיין וועלכער בוטשער פירט זיך נישט לויט די חומרא, כדי די וועלכע קומען פון פלעצער וואו מען פלעגט מחמיר זיין, זאלען קענען נזהר זיין.

**עס ליגט אויך אן אחריות אויף די בוטשערס מודיע צו זיין זייער פיהרונג פאר דעם ברייטען ציבור.**

# „גענידעלטע" עופות

ווענן די פראגע פון גענידעלטע עופות, וואס איז לעצטענס נתעורר געווארן, זענען די פאַקטן ווי פאָלגענד:

א) די רעגירונג פארלאנגט אז יעדע לעבעדיגע עוף זאל ווערן געאונפט (inject) וועגן געזונדהייט־פארזיכערונג, קעגן קראנקהייטן.

ב) די נירעל ווערט אריינגעגעבן אין גענאק פון עוף, רוב מאל דורך א מאשין און טייל מאל דורך הענט.

ג) די הלכה׳דיגע פראבלעם איז, אז אפשר איז די נידעל געגאנגען טיפער ווי געוואונטשן און געלעכערט די סימנים פאר די שחיטה און מטריף געווען דעם עוף.

ד) דער ביד"צ פון ירושלים האט באשטעטיגט אז אין א"י איז די שאלה אן ערנסטע, ווייל די נידעל קען צוקומען ביז די סימנים, און מען זאל זיך נישט באנוצען מיט גענידעלטע עופות.

ה) דאָ אין אמעריקע האבן די רבנים שליט"א פעסטגעשטעלט אז מען דארף נישט חייש זיין, ווייל די נידעל קומט נישט צו ביז די סימנים.

ו) די רעגירונג אונטערזוכט די עופות נאך דעם ווי זיי ווערן בייאונפט צו מאכען זיכער אז עס איז „עפעקטיוו".

ז) אויב דער נידעל גייט נישט אריין אין פלייש נאר אין א הוילקייט, ווי צ.ב.ש די סימנים, פארלירט זי איהר קראַפט.

ח) אלע עופות אין אמעריקע, אָהן קיין אויסנאם באקומען די נידלען. עס איז כמעט נישט מעגליך מחמיר צו זיין.

די שטעלונג פון רבנישן ראַט פון דעם „וועד הכשרות" ובראשם הגאב"ד מדעברעצין שליט"א איז „פּאַרזיכטיקייט און וואַכזאַמקייט" אויף להבא.

ווייל, אויף דעם אופן ווי עס ווערט יעצט געטוהן איז גלייך צו די שאלה אין תשו׳ חת"ס יו"ד כ"א, ברית אברהם יו"ד כ"ב, באר יצחק יו"ד ד׳, וועלכע זענען מתיר אן ענליכע שאלה.

אבער, אזוי ווי די מאשינערי איז אן ענין חדש [„נייע ערפינדונג"], מוז דאס ווערן באטראכט מיט שבע חקירות ובדיקות [ווי באטאנט אין מדריך נומ. 20, עמ׳ כ"ג ל"א, אין צוזאמענהאנג מיט מאשין־מצות און מאסען שחיטה, און שחיטת „פען"].

אויף די מכשירים און משגיחים ליגט א חוב צו אונטערזוכן די דאזיגע מאשין פון צייט צו צייט, צו זיין זיכער אז עס איז נישט פארהאנען קיין ענדערונג און אז דער כשרות דערפון איז שטאנדהאפט.

### הערת הציבור

. . . וכדאי לפרסם מה שענה לי טבח אחד כשהדגשתי שעל שלט של חנותו נדפס השם של רב שאינו גר בעירנו. שאלתי אותו „הלא המכשיר שלך אינו גד כאן מזמן רב, והאיך משגיח עליך״ ?

ענה לי : תאמין לי, שאינו פוחת עכשיו בביקורו מלשעבר, שגם כשגר כאן לא ביקר את חנותי אף פעם אחד, וממילא השגחתו בתוקפו אף כשאינו גד כאן, וממש אין שום נפקא מינה בסדר השגחתו והכשריו . . .

משה טויבער (ברוקלין)

**תשובה:**

לדאבון הציבוד, כהנה וכהנה מעשים בכל המקומות, עד כדי כך שבערך 80-90 אחוזים מההכשרים ממשיכים בסדר הנ״ל. וביותר נפוץ המכשול אצל מכשירים שמייסדים הכשדם על נאמנותו של בעל־הבית של בית החרושת, בעה״ב הסיטוני, הטבח, הבודק, וכדומה. הם חותמים שמם בלי שום יחס לעצם החפץ, הרכבם, אופן עשייתם, וסדר כשרותם.

לכבוד המערכת

. . . ומה שאמרתי שלא לכתוב אודות שחיטה . . . לפי שישנם אלו שיבואו לידי קלקול, וטענה בפיהם, היות וגם מה שאני אוכל עכשיו אינו בדור להיתר, א״כ יותר ניחא לקנות בשר בהשגחת האָ־יו, שלכל הפחות זול ביותר . . .

. . . העיד אותי מהקדמת הגה״צ מהרי״מ זצוק״ל בספרו חפץ חיים וז״ל :

„ויודע אני כי יוכל להיות שימצאו אנשים שרצונם ותשוקתם ליתן דופי בחבריהם והרגילו א״ע בעון המר הזה . . . ואנשים כאלו כאשר ימצאו בספרי זה איזה קולה ולא ידקדקו כלל בהפרטים הנצרכים לזה ויתירו עי״ז כמה דברים אשר לא עלתה על לבי, ולא יהי׳ ג״כ לבם נוקפם ע״ז כי יתלו בספר הזה, אך אמדתי לא אמנע טוב להולכים בתמים בשביל אנשים כאלו, כמו שאמרו חז״ל באופן כזה בב״ב דף פ״ט ע״ב, אמרה, ומהאי קרא אמרה כי ישרים דרכי ד׳ צדיקים ילכו בם וגו׳״ עכ״ל.

מי״ר (ברוקלין)

## מעדנים

מעדנים פּראָדוקטן פון בעלגי׳ האבן נישט די זעלבע השגחה סטנדארט ווי די מעדנים־פּראָדוקטן פון ברוקלין. די צוויי פירמעס האבן אנדערע בעלי־בתים. די פאבריקן וואו די פּראָדוקטן ווערן ערצייגט זענען אנדערע. כאטש עס ווערט פארשפרייט און פארקויפט דורך די זעלבע מעדנים־פירמא אין ברוקלין. די השגחות זענען אנדערע. און די אינהאלטן נישט די זעלבע לגבי כשרות. די בעלגישע פּראָדוקטן זענען נישט אין איינקלאנג מיט די פאָרשריפטן פון חרדישן ציבור.

לכבוד . . .

צו איז פאראנען א השגחה תמידית אדער בכלל א חילוק אין אינהאלטן צווישן די „פאסט סיריעלס (Post Cereals) וועלכע האבן אן השגחה־צעטל פון . . . אדער צי אָן די צעטל.

. . . ווי אזוי ערלויבט מען צו נוצן צעטלעך וועלכע קענען ווערן געקלעפט דורך סיי ווער, עס מוז זיין געדרוקט אויף דעם שאכטל . . .

משה ווייס (ברוקלין)

**תשובה:**

א) די השגחה „סטיקערס" האבן באמת קיין שום תוקף. די זעלבע צעטלען ווערן געקלעפט אויף אלע מינים פון „פאסט", אויף דעם צעטל שטייט נישט געשריבן אויף וועלכע פראדוקט די השגחה איז געגעבן געווארן און אויך נישט אויף וועלכע פירמא. די זעלבע צעטל ווערט גענוצט אויך אויף על מאלינא (El Molino) פראדוקטן א.ד.ג. (אין ניו־יארק זענען די קלעפעדיגע הכשרים־צעטלעך געגן די געזעץ).

ב) די „פאסט סיריעלס) האבן נישט קיין השגחה תמידית. זע מדריך וועגן אונזער באזוך דארט. די „פאסט סיריעלס" מיט די השגחה־לייבעלס האבן נישט קיין שום הידור איבער די אנדערע אָן די לייבעלס.

# דבר הפתיחה

מיר דרוקען איבער געוויסע ארטיקלען און באשרייבונגען וועגען שחיטות [פון פארגאנגענע מדריכים]. די באריכטען זענען בשעתם געשריבען געווארן נאך א סאך מיה און שוויס, במדה, במשקל, ובשיקול הדעת. די מדריכים האבן דעמאלט ארויסגעברענגט א גרויס איבעראשונג, טומעל, ספיקות, התחזקות, התעוררות, און דערצו אויך אן אויסערגעוועונטליכע התנגדות ביי א טייל פון חרדישן ציבור.

נאך די אלע וועלכע האבן געהאט פראגן און טענות, האט קיינער נישט געפונען קיין זאַץ אדער גערעדנק וועלעכער זאל זיין בכללות פאַלש. די בעלי דרשנים האבן נ׳שט געקענט איבערצייגען עטוואס וואס איז נישט מדוייק. די פראבלעמען זענען נישט באהאנדעלט געווארן און נישט פארענטפערט געווארען.

רבותי ! איהר דארפט וויסען אז די איינציגע מיטעל וואס איז געטוהן געווארן ביז היינט איבער די פראבלעמען פון מצב השחיטה איז געוועזן צו שטערן די מעוררים בכל מיני תחבולות. קיין כללות׳דיגע תקנות אדער ממש׳דיגע ענדערונגען זענען נאך נישט געטוהן געווארן.

דער „ביעור״ פון מדריך (ווי טייל האבען פארלאנגט) איז געגליכען צו א פרוי וועלכע רייניגט די הויז און שאַרט אונטער די שמוץ און שטויב אונטער די בעטען, עס זאל זיך נישט זעהן פאר די אויגן.

בפרטות האבען די שחיטה־באריכטען, באמת, זייער אסאך אויפגעטוהן לגבי בני תורה און אומפארטייאישע בעלי־בתים. פיל האבען געענדערט זייער מקור פון פלייש. דער ציבור איז מער אויף די וואַך וועגן די נקודות הכשרות וועלכע זענען ארויסגעברענגט געווארן. טייל האבן זיך אונטערגענומען אליין צו גיין צום שוחט און אלעס צוגרייטען על צד היותר טוב. באופן כללי, האַט יעדער צוגעשאקעלט „למיחש מיהו בעי״; דער „מדריך״ רעדט זאך פאָרט עפעס ערנסטע ווערטער.

הגם עס זענען געמאכט געווארן קליינע שינויים לטובה ביי די שלאכט־הייזער, אבער דאס איז נישט דער טרייסט. דאס זענען, ליידער, נאר „טריטמענטס״ אז די מחלה זאל זיך נישט פארשפרייטן. אבער דער „טומער״ (געוויקס) איז נאך אלץ נישט ארויסגעהיילט. ווי דאקטוירים זאגען טייל מאל „מיר טוען דאס בעסטע וואס איז מעגליך, קיין אנדערע האָפענונג איז נישט פארהאנען ל״ע״. א נאָרמאלער מענטש לאזט נישט נאָך; מען גיט נישט אויף אזוי לייכט. מען פאָרט אין אלע עקען, קיין מעקסיקא, ראטשעסטער א.ד.ג. צו טרעפען א רפואה פאר די עצם מחלה ל״ע, דערצו רייסט מען איין וועלטען. וואס מען איז נאר בכח, אז השי״ת זאל שיקען א ישועה.

טייערע ברידער, על אחת כמה וכמה ווען עס באריערט כבוד שמים, דערצו פאר א ציבור, **טאר מען נישט זיצען מיט פארלייגטע הענט, און זאגן „מען קען נישט העלפען"**. איבערהויפט אז די דאקטוירים שרייען „יש תקוה". אמת, עס איז א גרויסע און קאמפליצירטע אפעראציע, אבער די מומחים זאגען אז עס מוז געטוהן ווערן, „יהי' מה שיהי'". און, בעזרת השם, וועלן מיר בל"נ נישט שווייגען ביז עס וועלען נישט זיין קיין ערנסטע ריכטיגע תיקונים.

איהר דארפט וויסען אז עס איז שוין היינט ב"ה פארהאנען עטליכע עופות־מארקעטס וועלכע זענען נישט איינגעשטעלט אויף מאסען פראדוקציע און אפילו אויך איין שלאכט־הויז פון גסות, וועלכע איז אויף א קליינעם פארמאט [וואס מען האט געהאלטן פאר אוממעגליך דאס צו באווייזן].

דעריבער, אנשטאט זיך פארענטפערן מיט אויסריידן לייגט ריכטיגער אריין אייערע כוחות מתקן צו זיין. איהר קענט אויסניצען א דרוק אויף די שלאכט־הייזער. איהר קענט פארלאנגען פון אייער קהלה זיי זאלען אויך אויפשטעלן א קליינע שחיטה.

צו די קריטיקירערס און געגנערס דארף געזאגט ווערן: די זעלבע כוחות און תחבולות מיט וועלכע איהר פראבירט אונטערצוהאַקען דעם וועד, וואָלט איהר אריינגעלייגט צו פארלאנגען א תיקון ביי די שחיטה־הייזער, אדער נאך בעסער — ביי די קהלות, וואלט שוין לאַנג געווען א תיקון ממשי.

**חשוב'ע ליינער**: מוטשעט אייך נישט אויף נאַרישע תירוצים, טענה'ט נישט: „מי יראינו טוב", איך וויל זיך נישט ארייינמישען; איך וויל אז מען זאל מתקן זיין, אבער עס זאל זיין „שלום עלי נפשי"; איך קען גארנישט טוהן דערצו, וכדומה נאך ענליכע אויסריידען פארוואס איהר ענדערט נישט אייער מקור פון פלייש. פון דעם וועט קיין תיקון נישט ארויסקומען. מוטשעט אייך מתקן צו זיין, **טוהט עפעס קאנסטרוקטיוו**. ארגאניזירט אז אייער קהילה זאל גרינדן א שחיטה, אויסהאלטן א שוחט ובודק אָן קיין שום רווח פאר די קהילה. דער וועד איז גרייט צו העלפן למעשה מיט א פלאץ וואו צו שחט'ן און אויך שוחטים ובודקים לויט אייער געברויך. אראנזשירט מיט א בוטשער וועלכער וועט אויסארבעטן די פלייש, און איהר וועט דעמאלט ריכטיג קענען טענה'ן „שלום עלי נפשי".

כמאז ועד עתה, וועלן מיר איבער'חזר'ן אז מיר זענען גרייט מסביר צו זיין, און פעסטשטעלן פאר א פאראנטווארטליכן בי"ד אלעס וואס ווערט באריערט אין די באריכטען, אך ורק למען טובת הענין.

מיר האפען אז דאס איבער'חזר'ן פון די פרקי השחיטה מיט מילואים וועט ארויסברענגען א כבוד שמים און א תיקון. און נישט קיין אומזינסטיגן טומעל פון דרשנים.

**„וועד הכשרות"**

# דבר המערכת

## פארווארט

א) אויף דעם ערשטן בליק וועלן זיך אפשר א טייל לייענערס וואונדערן, „מען גייט באשרייבן דעם מצב השחיטה אין אמעריקע״? עס טראכט זיך אז אזא קיבוץ מיט יראים ושלמים ווי עס געפינט זיך אין ניו־יארק, מיט רבנים מובהקים שוחטים יראי ד׳, איז אפילו אין דער־היים אויך נישט געווען, בפרט אז עס רדייט זיך א שמועה אין די גאס אז דער מצב פון שחיטה האט זיך די לעצטע פאר יאהר א סאך פארבעסערט. לעת עתה איז שא־שטיל, אלעס זעהט אויס צו זיין על צד היותר טוב, ויאכלו ענוים וישבעו. צו וואס דארף מען טומלען און דערוועקען אלטע וואונדן.

ב) טאקע וועגען דעם מוזן מיר באמערקען און אויף וועקען דעם עולם. דער מצב איז גאר אן אנדערער ווי דער ציבור שטעלט זיך פאר. נישט נאר אז דער מצב האט זיך לגמרי נישט פארבעסערט נאר אדרבא, במשך הזמן ווערט אלץ ערגער און ערגער אין געביט פון שחיטות.

ג) פארגעסט נישט רבותי! אז דער רוקען ביין, דער יסוד, פון גאנץ כשרות איז די שחיטה, אלע מיני מבשולים פון כשרות, בכללות, ביי פראדוקטען קומען נישט אין פארגלייך צו די הארבקייט פון שחיטות וועלעכע קען ח״ו זיין נבילות וטריפות, במלוא המובן.

ד) עס איז שוין אין די לעצטע פאר יאהר געהערט געווארען פון דא און דארט דברי התעוררות און געשרייען אז מען זאל עפעס טאן געגען דעם אומפאראנטווארטליכקייט אויף דעם געביט , אבער, חוץ הבטחות איז קיין ממש׳דיגע זאכען נישט געטאן געווארען

ה) **אזוי ווי** פאר דעם ברייטן ציבור איז נישט באוואוסט וואס עס גייט פאר אין **עניני** שחיטה ביי די פלייש וואס מיר עסען, האבען מיר געשפירט א חוב אויספירלעך צו באשרייבן דעם מצב בפרטי פרטיות, וואס אזא באשרייבען האט זיך שוין פון לאנג פארלאנג, אבער עס איז נישט געטאן געווארען ביז היינט.

ו) דור הולך ודור בא. די יוראפייאישע אידען געדענקען נאך אביסעל ווי אזוי די שחיטה האט אינדער־היים אויסגעזעהן אבער דער יונגער דור ווייסט ממש גארנישט, ע״כ האבן מיר גענומען צייט און מיה (און מס״נ כידוע וד״ל) נאך צופארשטען די זאך.

ז) א וודאי דארף מען נישט באשולדיגען די רבנים וועלכע זענען באקאנט אין שחיטה און שרייען נישט, זיי האבן פשוט מורא. איבערהויפט ווען עס ווערט אויך גענוצט דער כח פון פראפעגאנדע דורך פארשידענע מענשען, ווערען זיי ווי געבונדען, זיי קענען נישט אויפמאכען קיין מויל.

ח) מען זעהט בעוה״ר ווי דער יונגער דור וואקסט מיט עזות און חציפות וואס קוקט אויס ווי א אום פארשטענדליכע זאך, נאר דער פרי חדש (יו״ד סי׳ פ״א) שרייבט אז מאכלות אסורות איז גורם צו עזות און חציפות, און הגם דער מוסד און די עלטערן מוטשען זיך צו געבען דעם בעסטען חינוך זעהט מען ווייניג פירות דערפון.

ט) מיר זענען נתעורר געווארען פון גדולים וטובים מיט די טענה פארוואס מיר פארשווייגען דאס הפקירות פון די שחיטה וואס דאס איז דער שורש פורה ראש ולענה אין אלע עניני כשרות, היתכן? ע״כ האבען מיר אנגעזעהן אז די טענה איז א גערעכטע.

י) אויך אין די לעצטע צייטען האבען זיך געמערט די פאר־שידענע אומגליקען דח״ל הן ברוחניות והן בגשמיות, תסמר שעדות ראש, הנסתדות לה׳ אלקינו וואס דער גורם דערצו קען זיין, אבער הנגלות לנו ולבנינו ארייצוטראכטען אז דאס אלעס קומט נאר פון מאכלות אסורות, אזוי ווי עס האבן שוין מעיד געווען גאונים וצדיקים

יא) מיר האפען אז דורך דעם ארטיקעל וועט ארויסקומען א קידוש השם אין א תיקון גדול בעניני שחיטה ופועל ה׳ בידינו תרצה עס זאל נתרבה ווערען ביי אונז די קדושה און טהרה און זאל נתרומם ווערען קרן התורה וישראל עד ביאת גואל צדק ומלכינו בראשנו במהרה דידן ברוב רחמיו וחסדיו אמן.

**מדריך לכשרות — ירחון המקיף עניני כשרות**

יו״ל ע״י וועד הכשרות, ברוקלין יצ״ו — ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות בהשתתפות רבנים ולומדי תורה שליט״א

נתיסדה בפיקוח הרה״ג המפורסם מוהר״ר משה שטערן שליט״א גאב״ד דקהל יסודי התורה (מלפנים אב״ד דעברעצין)

## שימו לב

# שחיטה פון גסות אין אמעריקע

**מיר פאנגען אהן א סעריע פון באריכטען וועגען די פלייש אינדוסטריע אין אמעריקע. דער באריכט איז אן אלגע־מיינער איבערבליק וואס עס טוהט זיך אין דעם געביט, בכללות. דאס איז נאך נישט קיין דירקטער דין וחשבון אדער בעהאנדלונג פון א געוויסע שחיטה.**

## שחיטה אמאל

א) **שוחט:** אין אלע דורות ביז די לעצטע צייטען איז די אומנות פון שחיטה געווען א מלאכת שמים וועלכער איז געווען רעספעקטירט. מען האט זיך באצויגען דערצו מיט געוויסע געפילען, מיט אכטונג און וואכזאמקייט. עס איז געווען באטראכט אלס א איידעלע פאך וועלכער באשטייט פון יראת שמים, קענטניס אין הלכות שחיטה, מייסטערשאפט און ערפאהרונג (רבינו יונה בס׳ שערי תשובה).

דער שוחט איז באצאהלט געווארען פון די קהילה, און ער איז נישט געווען פארשקלאפט צום בעל הבית. מען האט נישט צוגעלאזט אז דער קצב זאל שטיין איבער דעם שוחט בשעת בדיקת הריאה און דערצו נאך צו איילען די ארבעט פון שוחט, ווייל די שחיטה איז געווען א לאנגזאמע (עיין בשו״ת שו״מ מהד״ק ח״ב סי׳ מ״ח ובטטו״ד סי׳ ק״ז ודע״ת ס״ק ע״א).

ב) **מעשה השחיטה:** מען פלעגט אראפלייגען די בהמה אויף דער ערד מיטן האלז ארויף. די העלפערס פלעגען אויך צובינדען די פיר פיס אז די בהמה זאל נישט קענען שטויסען. דער שוחט פלעגט שחט׳ען פון אויבען אראפ און נישט פון אונטען ארויף. דערנאך פלעגט ער פיהלען מיט די הענט און באטראכטען מיט די אויגען צו עס איז אדורך געשניטען געווארען רוב פון די סימנים (העברת יד).

עס איז פארהאנען א תקנה קדומה אז א שוחט ווי עהרליך ער זאל נישט זיין זאל נישט שחט׳ען אויב עס איז נישט דא נאך איינער וועלכער זאל בודק זיין און פארעכטען זיינע חלפים. דאס איז געטוהן געווארען אלס אן אנגענומענע תקנה.

דער שוחט האט געמוזט ברענגען דעם חלף צום רב לכה״פ איין מאהל אין חודש. חוץ וואס דער רב פלעגט אפט מאהל גיין צו די שחיטה באקוקען די חלפים וכו׳ (עיין שו״ת חת״ס חיו״ד סי׳ י״ג).

## בדיקת פנים

דער שוחט ארער א צווייטער בודק פלעגט לאנגזאם ארייגלייגן זיין האנט אין די גוף פון די בהמה בודק צו זיין די לונגען. ער לייגט אריין זיין האנט צווישען

די לונגען אין די ווענט פון די בהמה. עס האט געמוזט געטאן ווערן געלאסען כדי צו פילען אויב עס איז נישט באהאפטען די לונג צום פעטען אדער צום וואנט (דופן) פון די בהמה, וועלכע דאס באווייזט אז עס איז פארהאנען א מעגליכע פראגע פון א סירכא, און אויך אנדערע שאלות וועלעכע דער שוחט זעהט אינעווייניג. צ.ב.ש. איינגעשרימפען די לונג (צמקה) וכו׳.

אויב דער בודק לייגט שנעל אריין זיין האנט, איז זייער מעגליך אז ער צושייד די לונג פון די בהמה דאס מיינט אז די סירכא ווערט צוריסען און ער פיהלט עס בכלל נישט, אויב עס איז נישט שטארק באהאפטען. עס טרעפט אפט אז עס איז זייער שוואך — ווייניג — בהאפטען און מיט א קליינעם שטופ אדער רוק ווערט די סירכא צושייד און אפגעריסען, דעריבער דארף מען בודק זיין מיט מתינות און ישוב הדעת, איינע פון די וויכטיגסטע קוואליפיקאציעס פונעם בודק איז אז ער זאל זיין א מומחה מרגיש צו זיין מיט די הענט (אויסער די ידיעת און בקיאות אין דיני בדיקת הריאה). די בדיקה ווערט אנגערופען בדיקת פנים, ווייל מען איז בודק די לונגען אינווייניג פון בהמה.

אויב דער בודק האט געפילט אז א סירכא פון לונג איז באהאפטען צום פעטען פון די בהמה האט ער געדארפט זיין פארזיכטיג נאכצולאזען די סירכא מיט פעטענס [ד.ה. ער טאהר נישט אפרייסען די סירכא ווייל ער דארף טרעפען די סירכא אינדרויסען, דעריבער האט ער געמוזט מיטרייסען אביסעל פעטען ארום די סירכא] אז כדי ווען ער וועט ארויסנעמען די לונג זאל זיך נישט אפרייסען די סירכא, אויב מען רייסט אראפ די סירכא און מען לאזט נישט נאך מיט קיין פעטענס איז מעגליך אז מען טרעפט נישט מעהר די סירכא און מען קען שוין נישט בודק זיין די לונג ממילא איז די בהמה עפ״י הלכה טריפה.

בשעת דער בודק לייגט אריין זיין האנט בודק צו זיין טאהר ער נישט טראכטען וועגען קיין שום אנדערע זאך ער מוז זיך קאנצענטרירען נאר אויף די הרגשה, צו פיהלען וואס עס טוהט זיך אינעווייניג אין די בהמה.

## בדיקת חוץ

אין אלע ארטאדאקסישע מקומות האט מען שטענדיג געמאכט אן אויסענווייניגסטע בדיקה, אפילו אויב מען האט גארנישט געפילט ביי די בדיקת פנים, פלעגט מען די לונג אויפבלאזען און בודק זיין — בדיקת חוץ.

א) מען האט ארויסגענומען די לונגען פון בהמה און באקוקט, באטראכט, און מעיין געווען אין יעדען פרט פון לונג. בודק זיין די צאהל, און די צורה פון די אונות, באטראכטען צו די סירכא איז באהאפטען אדער עס הענגט. באטראכטען די בועות, און באטאפען אלע חלקים פון די לונג.

ב) נאך דעם פלעגט מען אויפבלאזען די לונג [זעהן צו עס איז נישט לעכעריג] און אראפנעמען די סירכא

אויף די פלעצער וואו די סירכא איז געווען האט מען געדארפט ארויף לייגען וואסער כדי צו זעהן אויב עס איז לעכעריג אדער נישט. אויב עס איז דא א לאך ווערט דארט אויף דעם פלאץ אבעבועות (בלעזלעך בלע״ז), די וואסער איז מבצבץ (עס שפרינגט).

אלעס איז געטאן געווארען מיט מתינות, ישוב הדעת און גרויס פארזיכטיקייט.

ג) די בודקים פלעגן זיין יראים ושלמים, חרדים לדבר ד׳. זיי פלעגן אויך באצאהלט ווערען פון די קהילה. אויב עס איז געווען א שאלה פלעגט מען פרעגען דעם מו״ץ, ראב״ד, אדער רב פון שטאט וועלכער איז געווען אחראי אויף די גאנצע שחיטה.

ד) מען האט נישט געראפט גיין זוכען אלע חלקים וועלכע באלאנגען צו דער בהמה, ווייל אן אנדערע בהמה איז נישט געעפענט געווארען ביז ווי לאנג מען האט נישט געענדיגט מיט די ערשטע בהמה. עס איז נישט געווען וויכטיג צו האלטען א גאנצען סיסטעם פון קאמפליצירטע נומערען אויף יעדען חלק פון בהמה.

# שחיטה היינט אין אמעריקע

א) דער באריכט רעפלעקטירט נישט איבער די שחיטות וועלכע ווערען פארקויפט אלץ בשר כשר. עס איז איבערצייגט געווארען אז כמעט אלע דאזיגע שחיטות זענען נישט כשר. מיר בארירען נאר די גלאט כשר׳ע שחיטות.

ב) **בכללות** — עס איז בליע״ה דא א גרויסער קיבוץ פון אידען כ״י אויף איין פלאץ, און דערצו עסט מען פלייש טאג טעגליך. דעריבער האט מען אין אמעריקע אויסגעארבעט גאנץ אן אנערען סיסטעם פון שחיטה.

ג) נאך פאלגענדיג די אמעריקאנער סיסטעם פון מאסען פראדוקציע אויף אן עסעמבלי ליין, האבען די שלאכט הייזער פלאנירט אן ענליכע סיסטעם פאר זייער צוועק.

ד) עס איז פארשטענדליך אז מען טאהר ח״ו נישט פארגלייכען א פעקטארי וועלכער פאקט למשל פרוכט, פינף אדער צעהן טויזענט קענס א שעה, צו א שלאכט הויז. אין א געווענטליכע פאבריק מאכט דער בעל הבית דעם חשבון, דעם אופן, דעם שנעלקייט, פון די פראדוקציע. ער איז דער וועלכער טיילט איין די ארבעט לויט זיין וואונטש כדי די געשעפט זאל ברענגען ווי מער רווח.

ה) אבער ביי שחיטה וועלכע איז א רוחניות׳דיגע פרנסה וואלט אייגענטליך אלעס געברויכט געטאן ווערען לויט דעם וואונטש פון דעם רב וועלכע דארף זיין דער בעל הבית פון א רוחניות׳דיגע געשעפט, אדער לויט דעם וואונטש פון שוחט ובודק וועלכע שטעלען אין געפאר זייער נשמה אין דעם גאנצען כלל וועלכער געניסען פון די שחיטה, דורך זיין פאך.

ו)ליידער איז נישט צו גלויבען אז די שלאכט הייזער ארבעטען אויף דעם זעלבען אופן ווי סיי וועלכע פאבריק אין לאנד, די שוחטים און בודקים און אויך דער בעל המכשיר זענען משועבד צום בעל הבית פון פלייש פאבריק, דער בעל הבית טיילט איין די ארבעט, דעם אופן, און די שנעלקייט דערפון. מיט די שנעלקייט שפארט ער זיך איין געלט אויף יעדע בהמה אדער עוף. דער שוחט

וועלכער איז א פשוט'ער פועל האט מורא פאר זיין פאסטען, אויב ער וועט נישט ארבעטען לויט דעם וואונטש פון בעל הבית.

ז) אויב צוליב די שטאטע ארבעט פון איין שוחט וועט דער בעה"ב שאדען האבען פון דער רווח, איז פארשטענדליך אז ער וועט איהם נישט האלטען אפי' ער זאל זיין אן אומן יד, ירא ד', צוגעפאסט פאר זיין פאך.

ח) אפיציעל באקומט יעדער שוחט די זעלבע געהאלט, עס איז פארהאנען פלעצער אז אויב דער בעל הבית זעהט אז א געוויסער שוחט ארבעט שנעלער באקומט עהר צו, אין די זייט, מעהר ווי די אנדערע שוחטים, במשך הזמן געוואוינט זיך צו דער שוחט (צוליב די נגיעה פון געלד) צו שחט'ן אלץ מעהר און מעהר. מיט יעדען שוחט וועלכע דער בעל הבית שפארט זיך איין דורך זיין שנעלקייט ברענגט ער אראפ זיין פרייז פון אויסארבעטען אלע בהמות און עופות, (קוקט אין קומענדיגען נומבער ביי פראגעס און ענטפערס).

ט) אויף יעדער בהמה וועלכע ווערט גע'שחט'ען דורך דעם שוחט זענען פארהאנען צענדליגער גויים וועלכע ארבעטען דערויף דערנאך. דעריבער קען זיך דער שוחט נישט אפרועהן אפי' פאר איין מינוט, ער האלט אויף צענדליגער ארבייטער.

י) אין די רוה צייט וועלכע דער שוחט האט, דארף ער טאהן אלע פריוואטע זאכען. הכנות, דאווענען, עסען, שמועסן, זיך ארום וואשען פון די שמוץ און בלוט וכו'. און דערצו קומט נאך צו דאס שטעלען די חלפים וואס דאס פאדערט פיהל צייט און ישוב הדעת. וואס נאך דעם אלעם בלייבט כמעט נישט קיין צייט זיך אפצורוהען פון די שווערע ארבעט, ווען ער שטעלט זיך צו נאך אמאל שחט'ן איז ער נאך אלץ אויסגעמוטשעט.

יא) אזוי ווי עס איז נישט פארהאנען קיין סאך שטעל-פארטרעטערס פאר די פאך פון שחיטה, קומט אויס אפט מאהל אז דער שוחט קען נישט בלייבן אין דער היים וועגען סיי וועלכער סיבה, עס טרעפט זיך אפט אז דער שוחט האט א מיחוש און גייט אן מיטן שחט'ן געגען זיין ווילען.

יב) עס זענען פארהאנען פאלען ווען אפי' דער שוחט אדער בודק פילט אז ער איז מיד און האט נישט קיין ריכטיגע הרגשה אדער ער מוז ארויסגיין אין ביה"כ קען ער זיך נישט ערלויבען אפצושטעלען פון די שווערע ארבעט.

יג) די כוונה פון די נייע שחיטה סיסטעם איז אלץ ווי מעהר פראדוצירען, און מעהר פארדינען. דאס ווענד זיך אין ווייניגער שוחטים און משגיחים. יעדער שוחט טרעפט זיך אנדערע מעטאדען ווי אזוי דאס צו ערמעגליכען, סוף כל סוף איז דער שוחט נישט קיין מלאך, אייניגע זענען נישט בודק דעם חלף כסדר געוונג גוט, אייניגע מאכען נאר הובאה (ביי עופות), ( ביטע קוקט אין קומענדיגען נומבער ביי עופות). מען פראבירט שטענדיג נאך צו לאזען עפעס איין זאך אז מען זאל קענען שנעלער אנגיין מיט די ארבעט.

יד) נאך א קורצע צייט וואס דער שוחט געוואוינט זיך צו די שנעלע ארבעט פארלירט ער דעם גאנצען הרגש אז ער איז עוסק בעבודת הקודש, ער פיהלט זיך

ווי א פשוט'ער ארבעטער וועלעכער ארבעט לויט דער פארלאנג פון בעל הבית. וועגען זהירות און די מעשה השחיטה איז נישטא אפי' קיין צייט צו טראכטען דערפון, און א וודאי נישט דאס אויסצופירן.

טו) דער רב המכשיר ווערט באצאהלט פון דעם בעל הבית און ער איז יידער אפהענגיג דערויף פאר די פרנסה פון זיין משפחה, עס איז נישט ביכולתו צו טוישען דעם גאנצען סיסטעם פון שחיטה. צופיל קען ער זיך נישט אקעגען שטעלען דעם בעל הבית ווייל ער קען פארלירען זיין פאסטען.

טז) אפילו די משגיחים וועלעכע ווערען באצאהלט פון אַ קהילה קענען אויך נישט אלץ אויפטאן, ווייל די קהילה איז אויך א שותף אין די שחיטה געשעפט.

## שוחטים

א) די כשרות פון שחיטות איז אינגאנצען אפהענגיג אין דעם התנהגות פון שוחט אדער בודק, זיין ערליכקייט ברענגט די תוצאות פון כשרות, אויב ער איז נישט מדקדק כחוט השערה אויף יעדען שריט, איז ער ח"ו מאכיל דעם ציבור טריפות.

ב) אויסער דעם בודק אליין קען קיינער נישט וויסען אויב דער בודק האט מיט א קליינעם שטופ אראפגעריסען א סירכא, וכדומה, אלעס ווענט זיך אויף דעם שוחט ובודק, ווי עהרליך ער איז.

ג) דאס נאכגעלאזענקייט פון די היימישע גלאטע שחיטות האט געברענגט דערצו אז עס האט זיך אויפגעשטעלט היינט צו טאג א מאדערנע גלאטע שחיטה (נישט היימישע) וואס דארט געפינען זיך שוחטים וועלעכע זענען נחשד אויף חילול שבת, שוחטים וועלעכע באלאנגען צו נייט־קלאבס, שוחטים וועלכע שווימען בתערובות וכדומה, און זיי פארקויפען פאר טויזנטער אידען פלייש אלס גלאט כשר (קוקט אין קומענדיגען נומבער ביי פראגעס און ענטפערס.)

## מעשה השחיטה ביי בהמות

א) קיין שום שחיטה אין אמעריקע איז נישט ווי אמאל — ליגענדיג אויף דער ערד. עס זענען פאראן צוויי ערליי אופנים ווי מען שחט דא אין לאנד.

1) שחיטה תלוי' — די בהמה הענגט אין די לופט מיט די פיס צוגעבונדען צו א קייט, א העלפער האפט אהן דעם קאפ פון בהמה און ציהט עס ארויף צום רוקען, דערנאך שחט דער שוחט מיט די שארפקייט ארויפצו.

2) מיט א פען — די בהמה גייט אריין אין א מאשין, דער מאשין טוהט אויטאמאטיש באפעסטיגען דעם גוף און דעם קאפ, דער קאפ ווערט אויף געהויבען דורך די מאשין, דער שוחט שחט פון אונטען ארויף.

ב) אפט מאהל טרעפט זיך אז דער שוחט גייט בכלל נישט אדורך מיט די האנט אויף די סימנים בודק זיין צו רוב פון די סימנים זענען דורך געשניטען, צוליב איילעניש, (עיין שמ"ח סי' כ"ה סי' א').

ג) דער שוחט מוז שחט'ן הויך ביים האלדז נאנט צום קאפ, ווייל אויב נישט מאכט ער שאדען דעם בעל הבית, וואס דאס איז גורם הגרמות (ד"ה ער שחט נישט אויפן ריכטיגען פלאץ).

ד) עס זענען פארהאנען פאלען ביי קעלבער און לעמער, אפי' ביי גאנץ גלאטע אז נאר איין שוחט שחט. דער שוחט האט נישט גענוג צייט געהעריג בודק צו זיין דעם חלף. פארשטייט זיך אז עס טרעפט זיך אז דער חלף ווערט פגום. [אמאהל ווען מען האט נאר גע'שחט'ען איין בהמה אויף אמאל געלאסענערהייט, איז געווען גענוג צייט בודק זיין דעם חלף און דאך האט דער שוחט נישט גע'שחט'ען נאר אויב עס איז געווען נאך איינער דערביי, דאס איז געווען אן אנגענומענע תקנה ביי אלע דורות].

ה) רוב היימישע שלאכט הייזער שחט'ן בערך זעכציג בהמות איין שעה. ביי די מאדערנערע שחיטות שחט מען פון 75 ביז 100 בהמות א שעה.

ו) אזוי ווי מען שחט אסאך בהמות א שעה און כש"כ וואו מען שחט זעכציג און מעהר, קומט אויס אז עס ווערט שטענדיג גע'שחט'ען איינס נאכען אנדערן. עס פאדערט זיך א קאנטראל צו וויסען וועלכע קאפ אדער אנדערע חלק באלאנגט צו וועלכע בהמה, ווייל אויב עס טרעפט זיך א טריפה דארף מען וויסען וועלכע חלקים גייען דערמיט מען זאל זיי נישט פארקויפען פאר כשר. צוליב דעם האבען די שלאכט הייזער איינגעפירט א סיסטעם פון נומערען.

ז) דער בלאמבירער מוז ארום גיין פון איין פלאץ צום צווייטען צו בלאמבירען די זייטלאך, די צונג, און לעבער. די חלקים ליגען נישט אויף איין פלאץ. עס מאכט זיך טעותים, ער קען בלאמבירען די צונג פון איין בהמה און די זייטעל פון אן אנדערע בהמה וועלכע איז מעגליך נישט כשר, מיט דעם חשבון אז עס איז דער זעלבער נומער.

## שטעלען און בודק זיין חלפים

א) עס איז איינגעפירט ביי אלע שוחטים, דא אין אמעריקע (אהן קיין שום אויסנאם), אז נאך דעם ווי מען שחט א פאר בהמות, גייט מען איבער מיט דעם חלף אויף דעם שארף שטיין כדי דער חלף זאל זיין שארפער. דאס ווערט געטאן דורך רייבען דעם חלף א פאר מאהל ארויף און אראפ אויף דעם שארף שטיין.

עפ"י הלכה מוז מען בודק זיין דעם חלף נאך דעם ווי מען גייט איבער מיטן חלף אויף דעם שטיין. די בדיקה מוז זיין די זעלבע ווי ווען מען איז בודק פאר די שחיטה. עס פאדערט זיך זעקס בדיקות (צוויי בדיקות אויף אלע דריי זייטען). עס איז נישט גענוג בהולכה והובאה אליין, דער טעם דערפון איז ווייל עס איז מעגליך אז דער חלף ווערט ערגער דורך דעם שארפען אויף דעם שטיין (עיין בשמ"ח סי' י"ח ס' י"ד ובמ"א סקל"ג ובאהל יצחק סי' י"ג בזבחי תמים ד"ה ראיתי ושפתי זהב ס"ק ה').

לאמיר מאכען א שטיקעל חשבון: אויב עס ווערט געשאכטן צווישען אכציג און הונדערט בהמות א שעה דורך איין שוחט. שטייט לעבען איהם דער

אנדערער שוחט וועלכער איז איהם בודק די חלפים בהולכה והובאה און אויב עס פארלאנגט זיך פאררעכט ער די חלפים (אלגעמיין האט ער קיינמאל נישט מעהר ווי צוויי, דריי חלפים).

עפ״י הלכה מוז מען בודק זיין שטענדיג דעם חלף זייער לאנגזאם, מיט גרויס כוונה, מיט קאנצענטרירטע געדאנקען, מיט פיהל ישוב הדעת כדי צו קענען האבען אן הרגשה אויף א קליינע פגימה (עיין שמ״ח סי׳ ח״י סעיף ד׳).

יעצט טראכט אריין וואס עס דארף אלץ געטאהן ווערען אין די קורצע צייט פון ווייניגער ווי א מינוט: א) אפוואשען דעם חלף, ב) איבערגיין אויף דעם חלף שטייטליך בהולכה והובאה (ארויף און אראפ), ג) איבערגיין מיט דעם חלף אויף דעם שטיין, ד) מאכען א בדיקה אויף דעם חלף אויף אלע דריי זייטען [די שארפקייט אויף דעם שפיץ פון חלף, און די צוויי זייטען פון שארפקייט], ארויף און אראפ — סך הכל, זעקס בדיקות, ה) און דערצו אויך פאדרעכטען דעם חלף, אויב עס פארלאנגט זיך — דאס אלעס מוז געטאהן ווערען עפ״י הלכה מיט גרויס מתינות און ישוב הדעת.

שטעלט זיך די פראגע, ווי פיהל מתינות און ישוב הדעת איז מעגליך צו טוהן אזוי פיהל זאכען אין אזא קורצע צייט?

[אויב מען שחט נאר פופציג בהמות א שעה, פארדינט מען בסך־הכל נאר בערך צעהן סעקונדעס].

## בדיקת פנים

א) נאך דער שחיטה שנייט מען אויף די בהמה כדי דער בודק זאל קענען אריינלייגן זיין האנד ארום די לונג. די בדיקה ווערט געמאכט ווען די בהמה ליגט אויף דער ערד.

עס זענען פאראנען פלעצער (ביי די מאדערנע גלאטע שחיטות) וואו די בדיה ווערט געמאכט ווען די בהמה פארט אויף א קייט. ביי די פלעצער פארט אויך דער בודק אויף א באוועגליכען טישעל. אויף אזא אופן איז זייער שווער צו מאכען א גרינדליכע בדיקה. פארענדיג איז שווער מרגיש צו זיין און אלעס באטראכטען.

ב) דער בודק לייגט שנעל אריין די האנט צו שפירען אויב עס איז באהאפטען די לונג דורך א סירכא צו די בהמה. די מתינות, ישוב הדעת אין הרגשה וועלכע פאדערט זיך פאר די בדיקה איז כמעט אוממעגליך אויסצופיהרען (עיין שמ״ח סי׳ ל״ט סעי׳ ב׳). עס טרעפט כסדר אז צוליב די שנעלקייט פון די האנט, וועלכע מוז באטאפען אלע זייטען פון לונג, רייסט זיך אראפ א קליינע סירכא וועלכע איז ווייניג באהאפטען און ער קען עס נישט מרגיש זיין, דער בודק האט אינגאנצען איין מינוט צייט בודק זיין יעדע בהמה.

ג) די פוסקים וועלכע רעדען פון די בדיקת פנים טועהן שטארק ווארענען אז די בודקים זאלען זיך נישט יאגען ביי די ארבעט, און זאלען נישט האבען קיין מורא פון קיינעם נאר זיין געלאסען מיט גרויס ישוב הדעת, מיר וועלען דא איבער זעצען זייער לשון:

דער תורת הזבח שרייבט, דער בודק זאל אכטונג געבען ער זאל נישט בודק זיין שנעל, ער דארף זיין א גרויסער ירא שמים פונקט ווי דער שוחט, און בשעת ער איז בודק זאל ער נישט מסיח דעת זיין פון באשעפער, און ער זאל גארנישט טראכטען קיין פרעמדע זאכען וואס געהערט נישט צו די בדיקה, און ער זאל נישט

רעדען מיט קיין שום מענטש דעמאלס, ער זאל שטיין מיט מורא און מיט פחד בשעת ווען ער איז בודק די לונג אז עס זאל איהם נישט אינטערעסירען קיין שום פרמעדע זאך, כי בנפשו דיבר וחטא הרבים תלוי בו (תורת זבח, דרכ"ת סי' ל"ט, מ"א).

ד) מיר קענען נישט אראפ לייגען די חסרונות פון יעדען שלאכט הויז באזונדער. וואס מיר שרייבען דא איז אן אלגעמיינע איבערבליק פון חסרונות וואס זענען שייך אויף רוב פלעצער. אויב אויף א געוויסען פלאץ זענען נישט דא אלע חסרונות וואס ווערט דא אויסגערעכענט, זענען אבער פאראנען אנדערע חסרונות וואס זענען דא נישט אויסגערעכענט. ביי די גרויסע שחיטה־פלעצער מוז די בדיקת פנים אנגיין זייער שנעל מכמה טעמים.

ה) אזוי ווי עס ווערט גע'שחט'ן בערך זעכציג בהמות א שעה פארשטייט זיך אז פאר דעם בודק קומט אויס צו באקוקען א יעדע בהמה נישט מעהר ווי איין איינציגע מינוט, און אפי' ווען מען זאל שחט'ן ווייניגער בלייבט נאך א האלבע מינוט.

ו) מיר וועלען אויסרעכענען וואס דער בודק דארף אלץ טאן אין די איין איינציגע מינוט, וועלען מיר פארשטיין וויפיל צייט עס בלייבט איבער צו באקוקען און באטראכטען די לונג, און דערצו וויפיל ישוב הדעת עס איז מעגליך אז עהר זאל האבען.

ז) ווען דער בודק קומט צו די בהמה קען עהר נאך נישט באלד ארייגלייגען זיינע הענט ווייל עס שטייען צוויי העלפערס וועלעכע דארפען שינדען די הויט פון בהמה, ווען די העלפערס האבען אפגעשונדען אביסעל פון בויך, הערשט דעמאלט קען דער שוחט ארייגלייגען זיינע הענט אינעווייניג.

ט) קודם מוז עהר באטאפען די בית הכוסות אויב עס איז נישט נסרך (באהאפטען) צום דופן (וואנט) פון טרפש.

ט) דערנאך מוז עהר מאכען דריי שניטען אין די וואנט פון דעם טרפש.

י) ער מוז אריינגיין מיט זיינע הענט איןביידע זייטען פון די בהמה.

יא) ער מוז באטאפען ארום און ארום די לונג, יעדע אונה און יעדע אומה מוז באטאפט ווערען. דאס הייסט אז פינף אונות און צוויי אומות וועלעכע געפינען זיך אויף די לונג מוז מען גוט באטאפען און באטראכטען, אויך די וורדא מוז מען בודק זיין.

יב) אלעס מוז געטאן ווערען מיט גרויס פארזיכטיקייט און געלאסענקייט (מתינות) אז עהר זאל ח"ו נישט אפרייסען א סירכא.

יג) בשעת דער בודק איז מרגיש און בודק די לונג ווערט די בהמה געשאקעלט פון פיהר אדער פינף העלפערס וועלעכע ארבעטען אויף די בהמה. איינער ארבייט ביים זייט פון קאפ ארום די קנה וואס איז איינס מיט די לונג. דער גוי שנייט מיט א מעסער ארום די פעטענס ביז ארום די אונות. וואס זייער א סאך מאהל ווערט מיט געשניטען סירכות. אויך דארף דער שוחט אכטונג געבען אז דער מעסער זאל עם נישט צושניידען די הענט, וואס דאס איז גורם א בילבול הדעת פאר דעם בודק. צוויי שינדען די הויט, צוויי שינדען די פיס פון בהמה. פארשטענדליך אז דאס שאקלען קען (ח"ו) גורם זיין אראפרייסען סירכות. (דאס טרעפט זיך נאר ביי א טייל פלעצער).

יד) עס שטייט א ארבייטער צו קאפענס פון די בהמה, זיין ארבייט איז אויף צו שניידען די בויך פון בהמה, מיט א גרויסען עלעקטרישען זעג. עהר יאגט זיך

ווייל די ארבעט מוז אנגיין. בשעת דער בודק דארף מצמצם זיין זיינע אלע כוונות צו באטראכטען וויפיל סירכות עס איז דא און וואו די סירכות ליגען, אויף וועלעכע שפיץ פון די אונא, טרעפט זייער אפט אז דער גוי פאנגט אן צו דרילען מיט דעם אטאמאטישען זעג, דער בודק מוז שנעל ענדיגען די בדיקה, ווייל ער האט מורא ער וועט געשעדיגט ווערען פון זעג (די העלפערס זענען גויים, זיי יאגען זיך זייער, און יאגען די בודקים).

טו) נאך די בדיקת פנים דארף דער בודק גיין א מהלך פון צוואנציג ביז פערציג פוס כדי אויף צו שרייבען אויף א טאוועל וואס עהר האט געפונען. ער שרייבט (וואס דאס נעמט צייט) ברמיזה וואס און ווי ער האט געפונען סירכות אין די בהמה, און צוליב יאגעניש קען ער נישט אויפשרייבען אלעס פינקטליך.

טז) למשל איינע פון די אונות ווערען אנגערופען מתפצלת (ווייל דאס צוטיילט זיך אויף מערערע טיילען) די אונא האט 6 עקען. יעצט אויב עס טרעפט זיך א סירכא אויף די אונא שרייבט דער בודק נישט מעהר ווי די צוויי אותיות „מפ׳״ וואס דאס מיינט מתפצלת, אבער ער שרייבט נישט אויף וועלעכע פון די 6 עקען פון די מתפצלת ער האט געטראפען די סירכא, וואס נאך דעם איז מעגליך אז דער בודק חוץ צוליב איילעניש זאל דאס נישט טרעפען.

יז) ווען דער בודק גייט צום טאוועל מוז ער אכטונג געבען, ווייל עס ווערט אדורך געפירט בהמות אויף דעם קייט, עס איז א סכנה דארט צו שטיין ווייל עס קען חלילה ארויף פאלען די בהמה אויף דעם מענטש. אסאך מאהל מוז דער בודק ווארטען עטליכע סעקונדעס ביז די בהמה ווערט אדורך געפירט, (ביי אזא מאסען שחיטה איז יעדע סעקונדע א גרויסער חשבון, ווייל ער האלט אויף צענדליגער ארבייטער).

יח) דאס אלעס מוז דער בודק דורך מאכען און טאן אין איין איינציגע מינוט. און דערצו מוז דאס געטאן ווערען מיט ישוב הדעת און מתינות.

## גלאט און נישט גלאט

א) אין יעדער שלאכט הויז זענען דא צוויי־ערליי שחיטות, גלאט גערופענע און נישט גלאט, דאס וועלעכע דער גלאטער בודק וויל נישט נעמען נעמט איבער דער אנדערער בודק פון די נישט גלאטע.

ב) אויב דער בודק טרעפט א סירכא וועלעכע די בהמה איז נישט ראוי צו נוצען פאר די גלאטע שחיטה ווערט די בהמה איבערגעגעבען פאר דעם בודק פון די נישט גלאטע שחיטות וואס ווערט פארקויפט אלס כשר פאר מאדערנע אידען.

ג) ביי די מאדערנע גלאטע שחיטות שרייבט מען נישט אויפען טאוועל נאר מען שרייט מיטן מויל פאר דעם בודק חוץ. ביז דער בהמה קומט אהן צום בודק חוץ, פארגעסט ער וואס דער בודק פנים האט איהם געזאגט, ווייל אין צווישען האט ער בודק געווען עטליכע בהמות.

ד) עס זענען דא זייער ווייניג בהמות וועלעכע זענען אינגאנצען גלאט אזוי ווי די אמאהליגע גערופענע גלאטע פלייש, פון די היינטיגע גלאטע פליישען ווערען אראפגענומען רירין און קליינע סירכות. אבער עס איז נישט דא קיין ישוב הדעת, וועלעכע פאדערט זיך מבחין צו זיין צווישען זיי; און עס איז ממש אממעגליך צו זאגען אז די אלע בהמות וועלעכע ווערען פארקויפט פאר גלאט, זענען ריכטיג גלאט.

## בדיקת חוץ

א) ווען די בהמה — מיט דעם נומבער וועלעכע דער בודק פנים האט אנגעצייכענט אז עס קען זיין גלאט — קומט אן צום בודק חוץ בלאזט ער אויף די לונג (מיט א מאשין) און איז בודק דורך מיעוך ומישמוש אין בדיקת פושרין. דארט וואו מען שחט ארום זעכציג (60) בהמות א שעה איז צום בעסטען פאל נאר דא צוויי־א־האלב מינוט צייט בודק צו זיין, עס פאדערט זיך געלאסענקייט און פארזיכטיקייט אראפצונעמען די רירין און סירכות, עס איז זייער שווער בודק צו זיין מיט פושרין אויף אזא שנעלע סיסטעם. אז מען טראכט אריין וויפיל ארבעט דער בודק חוץ דארף אריינלייגן אין די מינוטען איז ממש נישט צו גלויבען. אויפבלאזען, מיעוך ומישמוש, פושרין. און ועל כולם, באטראכטען מיט ישוב הדעת וואס עס איז, ווי אזוי צו באהאנדלען וכדומה.

ב) עס זענען פאראנען פלעצער וואו מען שחט מעהר ווי זעכציג א שעה בלייבט נישט איבער אפילו איין מינוט פאר בדיקת חוץ. די בדיקה מתונה וועלעכער ווערט דערמאנט אין הלכה איז אינגאנצען בטל געווארען אין די אמעריקאנער מאסען פראדוקציע. דער מכשול דערפון איז זעלבספארשטענדליך.

די נישט גלאטע נעמען אראפ אפילו גרויסע סירכות, עס איז בכלל נישט ווי אמאליגע נישט גלאטע ודו"ל. מי יתן, אז די היינטיגע גלאטע זאלען זיין אזוי ווי די אמאליגע סתם כשר.

## בלאמבירען

א) אזוי ווי עס ווערען געשחט'ען בהמות איינס נאכן אנדערן, ארבעטען אלע ארבייטערס אויף פיהל בהמות מיט איין מאהל. בעפאהר מען טוהט פעסטשטעלען די כשרות פון די בהמה דורך דעם בודק חוץ, איז שוין פארטיילט געווארען די קעפ און די אנדערע חלקים פאר ארבייטער צו ארבייטען דערויף.

ב) עס מוז געפירט ווערען א פונקטליכער חשבון צו וויסען וועלעכע צונג געהער צו וועלעכען קאפ, און וועלעכער קאפ געהערט צו וועלעכע אברים. אז דער בודק חוץ שרייבט אויף דעם טאוועל אז די סירכא פון א געוויסע בהמה איז טריפה אדער עס איז נישט גלאט, מוז דער בלאמבירער נאכפארשטען נאך דעם קאפ און אירע חלקים כדי זיי אויך מטריף צו זיין.

ג) צוליב דעם טומל און שנעלקייט וועלעכער הערשט אין שלאכט הויז קען מען טרעפען א צונג אנגעצייכענט טריפה און אויף א זייטעל פון די זעלבע בהמה איז אנגעצייכענט כשר אדער גלאט כשר.

ד) דער בלאמבירער איז דער וועלעכער איז אחראי אז נאר די כשר'ע, אדער גלאטע בהמות זאלען ווערען פארזיגעלט מיט די בלאמבע. נאר נאכדעם ווי

דער בודק חוץ האט בודק געווען און געגעבען זיין אורטייל מעג דער בלאמבירער ארויף לייגן די בלאמבע.

אין א טייל מקומות (ביי מאדערנע גלאטע שחיטות) זענען גוים די בלאמבירערס. ביי דוב פון די חרד׳ישע גלאטע שחיטות זענען שומרי תומ״צ די וועלכע לייגען די בלאמבעס.

ה) עס איז בכלל נישט דא קיין שום קאנטראל אויף די בלאמבעס. דער רב המכשיר אדער זיין משגיח האט נישט קיין שום אחריות אויף די בלאמבעס. עס ווערט נישט געפירט קיין חשבון וויפיל עס איז דא, וויפיל עס איז אויף געניצט געווארען, וויפיל איז געבליבען. דער בעל הבית אליין באשטעלט די בלאמבעס, ער האלט דאס ביי זיך אין אפיס, הפקר. דער בלאמבירער (וועלכער דאדף הייסען דער משגיח און איז ליידער נאר א פשוט׳ער ארבייטער) נעמט וויפיל ער וויל און ווען ער וויל, עס פארשטייט זיך אז דער בעל הבית נעמט אויך וויפיל ער וויל. עס איז באקאנט אז בעלי בתים אליין לייגען בלאמבעס ווען זיי ווילען און אויף וואס זיי ווילען. עס איז אויך דא אסאך בוטשערס וועלכע האבן ביי זיך בלאמבעס.

ו) אויף א טייל ערטער ליגען די בלאמבעס הפקר אין שלאכט הויז. עס איז פריי פאר יעדען צו נעמען. עס דאכט זיך צו אז די בלאמבעס זענען בלויז פאר מראית עין און זיי זענען אין זייער א שוואכער מאס פון קאנטראל.

ז) ווען מען לאדענט אהן די טראק מיט די פלייש אוועקצופירען, איז קיינער נישט דארט בודק צו זיין אז נאר די געוויסע בלאמבירטע סחורה זאל ווערן אנגעלאדענט.

## אין פריזער (קילער-צימער)

נאך דעם ווי די בהמה ווערט בלאמבירט לייגט מען עס אריין אין פריזער אויף 12 ביז 24 שעה. די בהמה ווערט קודם ארומגעוויקעלט מיט א גרויסען טיכעל, עס איז מעגליך אז די טוך ערהאלט א גרויסע פראצענט זאלץ וועלכע ברענגט צו די שאלה פון נמלח בלא הדחה, רוב גלאטע שחיטות זענען מדקדק אז די ווארע זאל נישט ערהאלטען זאלץ.

## טראנספארטאציע

די פלייש קומט אהן צום גרויס הענדלער אדער בוטשער אום אויסגעזאלצען, דער בוטשער מאכט עס אליין כשר, רוב חרד׳ישע גלאטע פליישען דערגרייכען דעם בוטשער אין די דריי טעג.

עס זענען פארהאנען ביי מאדערנע גלאטע שחיטות וועלכע דאס טראנספארטאציע נעמט לענגער פון דריי טעג צוליב דאס ווייטקייט פון שלאכט הויז צום בוטשער אדער גרויס הענדלער, אדער צוליב אנדערע סיבות, און דעמאלט העלפט שוין נישט דאס אויסזאלצען (ש״ע יו״ד סי׳ ס״ט סעיף י״ב), און ליידער ווערט דאס אזוי פארקויפט.

## האלסעילער (גרויס-הענדלער)

א) נישט אלע האלסעילער זענען שומרי תומ״צ. זיי האבען בכלל נישט קיין נאמנות.

ב) עס זענען פארהאנען האלסעילער שומרי תומ"צ וועלכע פארקויפען אויף טריפה'נע פלייש, ר"ל.

ג) עס זענען פארהאנען האלסעילער שומרי תומ"צ וועלכע האנדלען מיט גלאטע פלייש און אויך מיט נישט גלאטע וועלעכע רופן זיך „כשר". זיי טענה'ען אז די נישט גלאטע ווערט נאר פארקויפט פאר די וועלעכע זענען נישט מדקדק אויף גלאט. דער האלסעילער האט נישט קיין נאמנות דערויף. מיר האבען זיך איבערצייגט פון פיעל פאלען אז אפילו בוטשערס וועלעכע פארקויפען נאר גלאט, האבען באקומען פלייש אהן די גלאטע חתימות און פלאמבעס. עס ווערט פארטוישט ביים האלסעילער.

ד) אפילו די וועלעכע האנדלען נאר מיט גלאטע פליישען, פארקויפען (אלע אהן קיין שום אויסנאם) פארשידענע גלאטע פליישען. די איינקויפערס וועלעכע זענען מהדר אויף א געוויסע שחיטה אדער פון א געוויסע קהילה, ווייסען נישט אז די פלייש וועלעכע זיי באקומען איז מעגליך פון אן אנדער שחיטה, און נישט פון זייער געוואונטשענע שחיטה.

ה) מען האט שוין געכאפט א טייל האלסעילערס וועלעכע פארקויפען ממש טריפה פלייש אלס כשר. אזא סוחר האט מער נישט קיין שום נאמנות. דער פראבלעם איז, אז עס ווערט גארנישט געטאן דערצו (יו"ר סי' קי"ט סי' י"ט).

## פלייש־געשעפט (בוטשער־סטאר)

א) עס איז פארהאנען בוטשער־סטארס וואס האבען נישט קיין השגחה. מען פארלאזט זיך אויף דעם בעה"ב וועלעכער הייסט א שומר תומ"צ.

ב) די וועלעכע האבען יא אן השגחה פון א רב האבען נישט קיין השגחה תמידית צו זעהן די סחורה ווען עס קומט אהן, און ווי אזוי מען מאכט כשר שטענדיק, און דער גאנצער גאנג אין געשעפט.

ג) די פאַר וועלעכע האבען יא אן השגחה תמידית ווערט דער משגיח באצאהלט פון בעה"ב און ממילא איז ער אינגאנצען אונטער זיין איינפלוס, צוליב פרנסה. (דער משגיח דארף ווערען באצאהלט פון די קהילה־קאַסע, און זיי זאלען זיין זיינע בעלי־בתים. די קהילה טאהר נישט זיין קיין שותף אין פלייש־געשעפט, ווי פארשטענדליך).

ד) אויב מען זעהט אויף דעם בוטשער־סטאר א טאוול פון אן השגחה פון וועלכען רב עס זאל זיין, מיינט דאס נאך נישט אז דער רב גיט א השגחה אויף די שחיטה. דער רב איז מסתמא קיין מאל נישט געווען ביי די שחיטה און ווייסט בכלל נישט ווי די שחיטה זעהט אויס דא אין אמעריקע, (זעה אין פראגעס און ענטפערס באריכות). די השגחה איז נאר אויף די מליחה, ניקור, וכדומה. רוב מאהל איז דאס נאר אן הודעה אז ער קען דעם בעה"ב, און אז דער בעה"ב פרעגט איהם די שאלות וועגען מליחה ניקור וכדומה. א באווייז האט איהר אז די השגחה איז נאר אויף דעם כשר־מאכען, פון דעם פאקט אז א גרויסע טייל פון די רבנים מכשירים אויף די סטאר'ס, עסען אליין נישט פון די פליישען וואס ווערען פאקויפט אין זייערע סטאר'ס, זיי לאזען פאר זיך שחט'ן עקסטרע [דאס אליין ווארפט אויף טונקעלע שאַטענס אויף די כשרות פון די שחיטה].

ה) אסאך מאהל ליפערט דער בוטשער פלייש פאר דעם קונה דורך א גוי. עס פאדערט זיך א חותם בתוך חותם, און עס איז נישט דא.

ו) עס טרעפט אז דער בעל הבית לאזט איבער דעם גוי אליין אין געשעפט. איבערהויפט ביינאכט נאך דעם ווי דער בעל הבית גייט אהיים און די סחורה איז נאך נישט געליפערט געווארען צו די קונים, גיט דער בעה״ב איבער דעם שליסעל צו דעם גוי וועלכער ליפערט (רעליוועריט).

אויך ברענגט מען אין אסאך געשעפטען דאס פלייש פארטאגס און די גוים האבען דאס שליסעל. זיי טראגען דאס אריין אין פרידזידער, וואס דארט ליגט פלייש אהן חותמות.

אויך קומט א סאך מאל פלייש צו געשעפטען אהן קיין גלאטע חותמות, און דארט וואו עס איז נישט דא קיין השגחה איז נישט דא ווער עס זאל זיך אומקוקען רערויף.

אויף די אלע אויבען־דערמאנטע פעלערס איז דא דער איסור פון בשר שנתעלם מן העין, (ד.ה. פלייש וואס דאס אויג פון א איד האט פארזעהן), וואס איז אסור עפ״י שו״ע סימן ס״ג.

## די מעשה השחיטה פון לעמער (כבשים)

א) אויסער די אלע דערמאנטע פראבלעמען ביי די גסות שחיטה, איז ביי די לעמער פארהאנען נאך איין גרויסער פראבלעם וועלכע געפינט זיך ביי די עצם מעשה השחיטה. עס זענען פארהאנען זייער אסאך שומרי תומ״צ וועלכע זענען מדקדק נישט צו עסען קיין לעמער־פלייש (כאטש זיי עסען פון די גלאטע רינדערען שחיטה).

די פראבלעמען זענען ווי פאלגענד:

ב) די לעמער האבען זייער אסאך האר (וואל) אויף דער פלאץ פון בית השחיטה. דאס איז גורם אז דער חלף ווערט זייער שנעל פגום. דערצו ווערט שטענדיק פארפלאנטערט מאראסט, שטיינדלעך אין די האר. די האר ווערט פארקנופט וכדומה. דאס ברענגט דערצו אז עס איז פוגם דעם חלף בשעת די שחיטה.

ג) אויך דארף מען זיין געווארענט וועגען חלדה, אזוי ווי עס שטייט אין שו״ע, שמ״ח (סי׳ כ״ד סעיף ט׳־י״ב) אז מען דארף זיין געווארענט ווען מען שחט לעמער צוליעב די חלדה תחת צמר המסובך.

ד) דער חת״ס שרייבט, ,,עס איז באוואוסט אז עס איז דער סדר פון סכין עס זאל פגום ווערן פון דעם האלדז פון שאף וועלכע זענען פיהל מיט זאמט און ערד, אפילו ווען מען איז געווארינט אראפ צו נעמען די האר און אפוואשען דאס פלאץ״.

ה) צוליעב די אלע פראבלעמען איז שטענדיג געווען דער מנהג אפשערען די האר פון האלדז ביי די בית השחיטה און גוט אפוואשען דאס פלאץ פאר די שחיטה כדי עס זאל פארקומען ווייניגער פגימות, מיט דעם אלעם פלעגט זיך נאך אלץ מאכען פגימות (עיין בשו״ת דברי מלכיא׳ ח״ג סי׳ מ״א, ובבינת אדם שער רוח״ז סי׳ י״א).

ו) ביי די היינטיגע שחיטות שערט מען בכלל נישט אפ די האר פון די לעמער, מען מאכט נאר א שביל (ד.ה. מען צושייד די וואל). עס איז נישט ריכטיג אזוי צו טאן לכתחילה (שמ"ח סי' כ"ד סי' י"ב). אזוי ווי דער האלדז איז פוהל מיט מאראסט, מאכט זיך דורך דעם זייער אסאך פגימות, און עס איז נישט דא קיין צייט צובאקוקען און אודאי נישט מתקן זיין דעם חלף.

ז) אויסער די דערמאנטע פראבלעם, שטייט נאר איין שוחט ביי די שחיטה פון לעמער. די שחיטה איז א שווערע, צוליעב די פיהלע פגימות און אויך צוליעב די עצם מעשה השחיטה וועלכע איז שווערער פון גסות, אפילו צוויי שוחטים זענען אויך ווייניג צו די מלאכה.

מיר ווייסען פון א פאל וואו מען האט געוואלט איינפירען דא אין אמעריקע א כשר'ע שחיטה פון לעמער און דער שוחט האט נישט געוואלט שחט'ן אן דעם וואס דער רב זאל מיט-קומען אין שלאכט הויז און אליין באקוקען דעם חלף נאך יעדען לעמעל. נאך אגאנצען טאג שחיטה איז געבליבען אינגאנצען איין לעמעל, וואס דער רב האט געזאגט אז דער חלף איז גוט. פון דעם אליין קענט איהר שוין זעהן וויפיל שוחטים מיט חלפים מען וואלט געדארפט האבען פאר אונזער ניו-יארקער שחיטות. און ממילא פארשטייט זיך, ווי צווייפעל האפטיג עס איז די כשרות פון די לעמער דא אין ניו-יארק, וואס ווערט גע'שחט'ן טויזנטער וועכנטליך.

ח) עס איז דא זייער אסאך סירכות ביי די בדיקות (נישט ווי געוויסע סוחרים רעדען איין די קונים אז ביי לעמער איז פארהאנען ווייניגער סירכות).

## די קעלבער שחיטה

אזוי ווי עס איז באוואוסט אז די קעלבער שחיטה איז מעהר מהודר צוליב די קליינע צאהל פון סירכות וועלכע געפינען זיך ביי זיי, ווילען מיר אויפמערקזאם מאכען דעם ציבור אז דאס איז נישט ריכטיג אין אמעריקע.

א) אין יורופ פלעגט מען שחט'ן קעלבער פון דריי-פיער וואכען, דעריבער האבען זיי נישט געהאט קיין שום סירכא. די גאר גלאטע בהמות זענען געווען קעלבער, אנשי מעשה פלעגען מהדר זיין נאר צו עסען קעלבער פלייש.

ב) דא אין אמעריקע שחט מען גרויסע קעלבער פון עטליכע חדשים, די קעלבער וועגען א פאר הונדערט פונט, און די קעלבער זענען נאך אסאך ערגער ווי די בהמות לגבי גלאט.

ג) ווי עס איז גוט באקאנט איז פארהאנען א גרעסערע פראצענט גלאטע ביי די בהמות ווי ביי די היינטיגע קעלבער.

ד) ביי די קעלבער איז אויך פארהאנען די פראבלעם אז נאר איין שוחט שחט און נישט צוויי ווי עס דארף זיין.

❁

**ביים ענדיגען דעם דאזיגען ארטיקל ווילען מיר נאך אמאל דערמאנען די לייענערס אז מיר נעמען פולע אחריות אויף אלעס וואס מיר האבן דא געשריבען.** מיר זענען גרייט צו איבער צייגען פאר יעדען ערנסטען מענטש וואס וויל וויסען דעם אמת די אלע אויבן-דערמאנטע טענות.

## שמע בני

# נעתק מספר טיול בפרדס אות ש׳ מהגאב״ד משאמלוי זצ״ל

דער גאון מהר״ש אבוהב זי״ע אין ספר הזכרונות (פרק ב׳ מהל׳ שחיטה) שרייבט, אויב עס וואלט מעגליך געווען פאר דעם פאלק צו עקזיסטירען אהן פלייש, וואלטען אונזערע חכמים שוין לאנג מבטל געווען דאס פאך פון שחיטה. איבערהויפט אין די היינטיגע צייטען ווען זייער אסאך מענטשען לאזען זיך אריין אין דער פאך. עס איז אויסערגעווענטליך גרינג צו צוקומען צו מכשולות, ר״ל, סיי פאר א יחיד און סיי פאר א רבים. דער שולד ליגט אויף די וועלעכע גיבען רשות צו שחט׳ען.

דער חתם סופר אין די שו״ת (או״ח סי׳ ר״ה) שרייבט אז דער מלך זקן וכסיל (מען מיינט דעם יצה״ר) זיצט אויף א שטוהל פון דריי פיס: א) פון חזנים וועלעכע פירען ארויס מחוץ למחנה די תפלות פון אידישע קינדער וכו׳, ב) פון שוחטים וועלכע זענען מאכיל נבילות וטריפות פאר אידישע קינדער, ג) פון סופרים וועלעכע שרייבען פסול׳ע תפילין און מזוזות. דאס איז שוין גענוג פאר דעם יצר הרע, מער דארף ער שוין נישט.

עס ווערט געברענגט אין מעשה רב אות צ׳ פון ווילנער גאון זצ״ל, אז עס איז בעסער צו עסען מילכיגע מאכלים אום שבת ווי צו עסען פון א בהמה וועלעכע איז געשחט׳ען געווארען אהן דעם וואס איינער איז געשטאנען איבער דעם שוחט.

דער דברי חיים אין די שו״ת (יו״ד חלק א׳ סי׳ ז׳) שרייבט אז ער האט גיזעהן אסאך יראי השם און לומדי תורה וועלעכע זענען פארדארבען גיווארען נאך דעם ווי זיי זענען געווארען שוחטים. דורך שוחטים וועלעכע זענען געווען קלים, זענען זייער אסאך קהלות אין דייטשלאנד ארויס פון אידישען דת, רח״ל (שו״ת דברי חיים שם).

אין תבואות שור שטייט אז דער שוחט מוז זיין א ירא שמים מרבים. דאס יראת שמים זאל זיך דערקענען אויף זיין פנים. אויב נישט ווערט ער אליין פארדארבען אלץ מער און מער, און ממילא פארדארבט ער אויך אנדערע וועלעכע עסען פון זיין שחיטה. זיי ווערען פיהל מיט טומאה ביז זיי ווערען אפיקורסים.

איך בין זיכער אז דאס וואס מען איז גוזר גזירות א קעגען די שחיטות, אין די היינטיגע ציטען, איז נאר ווייל מען האט זיך נישט אומגעקוקט ריכטיג אויף די שוחטים, אזוי ווי עס פארלאנגט זיך.

(„טיול בפרדס״ מערכת שחיטה פון שאמלויער רב זצ״ל)

# שחיטה פון עופות אין אמעריקע

## שוחט

א) אזוי ווי עס איז שוין היינט באקאנט איז דער הויפט אומגליק ביי די שחיטה — די מאסען פראדוקציע. עס ווערען גע'שחט'ען אין איין פלענט צענדליגע טויזנטער עופות וועכנטליך, און אין אנדערע פלענטס ווערען גע'שחט'ען קרוב צו הונדערט טויזנט עופות א וואך און מעהר, אויך איז פארהאנען א פלענט וואס רופט זיך גלאט כשר וואו מען שעכט 300 טויזנט עופות א וואך בערך, די שחיטה איז געשטעלט אויף פראדוקציע.

ב) די בעלי בתים פון די שלאכט הייזער אין טשיקען פלענטס זענען ביזנעס לייט, זייער איינציגע כוונה איז נאר צו פארדינען וואס מער געלט. בעצם איז דאס נישט קיין עוולה ווייל אזוי איז דאך דער דרך פון מסחר, נאר כדי צו פארדינען דאס געלט שטעלט מען אין געפאר די כשרות פון די שחיטה.

ג)למשל, עס זענען פארהאנען שוחטים וואס זעהן שוואך אן ברילען (אויגענ־גלעזער), אבער דאך קענען זיי זיך נישט ערלויבען צו שעכטן מיט ברילען. צוליב דעם גרויסען שטויב, שמוץ, און בלוט, וועלעכע הערשט ביי די שחיטה, ווערען די ברילען פול מיט שמוץ און בלוט, און פארשטעלען זייער געזיכט, די צייט ערלויבט נישט אז מען זאל קענען רייניגן די ברילען אין מיטען די פראדוקציע פון שחיטות, (עי' דרכי תשובה סי' יא).

ד) יעדער שוחט האט אונטער זיך בערך פופציג ארבייטער וועלעכע ארבייטען אויף זיינע געשאכטענע עופות. פארשטענדליך אז דער שוחט קען זיך נישט רוקען פון פלאץ, אפילו אויב עהר דארף ארויסגיין, אדער עהר פיהלט אז עהר מוז זיך אפרוהען א ביסעל פון די שווערע ארבעט, עהר קען זיך נישט ערלויבען דעם לוקסוס, ווייל עהר האלט צוריק פופציג מענטשען פון די ארבייט. (די ארבייטערס זענען עפענערס, זאלצערס, פאקערס, א.ד.ג).

ה) עס טרעפט זייער אפט אז דער שוחט שפירט אז עהר האט נישט קיין הרגשה בחדק זיין דעם חלף, צוליב די ווייטאג אין די הענט קען עהר נישט ריכטיג פיהלען, פונדעסטוועגען איז עהר געצוואונגען צו שעכטן די זעלבע צאהל ווי געוועהנטליך.

א טייל שוחטים שטרענגען זיך אן איבער זייערע כוחות צו שעכטן די באשטימטע צאהל עופות, אויב נישט קענען זיי פארלירען זייער פרנסה, זיי ווערען באטראכט פון בעל הבית ווי פוילע ארבייטערס.

ו) עס זענען פארהאנען זמנים ווען די שוחטים פארען עטליכע שעה'ן צום שעכטן פאר־טאגס. נאך דריי פיהר און א סאך פלעצער נאך זעקס שעה פאהרען

אויפן וועג מוז דער שוחט זיין גרייט צו שעכטן אפגעמוטשעטער־הייט ביז א פאהר מינוט, אפילו ער דרייווט אליין איז נישט רא קיין צייט צו רועהן, רי ארבעט מוז אנגיין (אפילו עס פעהלט איהם די נויטיגע הרגשה צום שעכטן).

## מעשה השחיטה

א) אויף א טייל ערטער ווערט געשאכטען צווישען טויזענט און פופצען הונדערט עופות א שעה (בערך 20־25 עופות איין מינוט) דורך איין שוחט.

אויף אנדערע פלעצער ווערט געשאכטן פון זיבען הונדערט ביז ניין הונדערט א שעה (בערך צוועלעף ביז פופצן עופות איין מינוט) (און אויך איז רא וואו מען שעכט נאר 600 אין א שעה).

אויף רוב פלעצער גייט דער סדר ווי פאלגענר!

ב) די באקסעס מיט עופות פארען צום שוחט אוטאָמאַטיש מיט א עלעקטערישען שטרוים. איין גוי נעמט ארויס דעם עוף פון די באקס (קופּ) און דערלאנגט דאס צום צווייטען גוי וואס האלט דאס בשעת דער שוחט שעכט.

אויך איז פארהאנען פלעצער וואו רי עופות ווערען אויפגעהאנגען אויף א קייט (טשיין) וועלכע פארט אוטאָמאַטיש צום שוחט מיט א עלעקטערישען שטרוים, און פון דארט נעמט דאס דער גוי און האלט עס בשעת דער שוחט שעכט.

ג) נאכען שעכטן נעמט דאס א דריטער גוי און לייגט דאס ארויף אויף א האָק וואס איז מחובר צום עלֶעקטערישען קייט און עס פארט ווייטער ביז צום פליק־מאשין וואס נעמט אראפ די פעדערען און האקט אראפ רעם קאפ פון עוף.

די פאלגענדע זענען א טייל מכשולים וועלעכע זענען א תוצאה פון די שנעלע שחיטה:

א) יערען טאג טרעפט מען פעדערען אין וושט ביי א גרויסע צאָהל עופות, (די סיבה דערפון איז ווייל די עופות ווערען געברענגט פון דער ווייטענס, און צוליב הונגער בייסען זיי די פעדערען פון אנדערע עופות). אויב מען טרעפט נאך די שחיטה א פעדער וועלכע איז צושניטען איז די עוף א טריפה עפ״י הלכה, ווייל עס איז געווען א שהי׳ (פארזוימונג) אין מיטען רי מעשה השחיטה. די שוחטים מחמת איילעניש באמערקען נישט די פערערען. אויב ער וואלט געשאכטן לאנגזאם וואלט ער געפינען איבער הונדערט עופות וועלעכע זענען טריפה צוליב די פעדערען (שמ״ח סי׳ כ״ג סעי׳ ו׳, ואחרונים).

עס איז איבערגעצייגט געווארען אז אין א פלענט (שלאכט הויז) וואו מען שעכט נאנט צו טויזענט עופות א שעה דורך יעדער שוחט באזונדער, איז מען מטריף ס״ה 10 עופות בערך צוליב פעדערען אדער אנדערע שאלות, [ווי ווייטער

וועט דערמאנט ווערען]. דעם זעלבען צאָהל איז מען מטריף זיין אין א קליינעם מארקעט וואו מען שעכט בערך 500 ביז 600 עופות א טאג. דאס איז דאך א הימעל געשריי!

ב) אויך טרעפט זיך פיל מאָהל אז די עופות בייסען איינער דעם צווייטען און זיי צובלוטיגען זיך ביים קאפ און האלדז און ווען דאס טרוקענט זיך אויס ווערט דאס בלוט פארגליווערט, דאס ווערט אנגערופען [גרר יבש] מען טאר די עופות נישט נוצען אן קיין בדיקה, (עיין שמ״ח סי׳ כ״ג סעיף י״ג). פארשטייט זיך אז צוליב דעם יאגעניש קען דער שוחט דאס נישט באמערקען.

ג) עס פאסירט אפט אז דער עוף איז געלעכערט ביים האלדז, און ביים גענאק, און דער שוחט באמערקט דאס נישט צוליב איילעניש.

ד) פיהל מאל ווען דער גוי דערלאנגט דעם עוף צום שוחט און דער עוף גיט איהם א שטאך מיטן חרטום (שנאבעל בלע״ז) גיט דער גוי א גוטען זעץ אין קאפ פון דעם עוף, און דער עוף פייגערט און דער שוחט פון יאגעניש שעכט דאס, נישט באמערקנדיג אז ער שעכט א עוף וועלכער איז א מסוכנת, און עס פאדערט זיך פירכוס (יו״ד סי׳ י״ז) ווייל פיהל מאל איז דער קאפ פונעם עוף נאך ווארעם.

ה) עס זענען פאראנען הונדערטער עופות וועלכע פייגערן צוליב די גרויסע קעלט אין ווינטער, און צוליב די היץ אין זומער, און אויך צוליב רעגען, צוליב גרויס יאגעניש טרעפט אפט אז דער שוחט באמערקט נישט (ווייל ער האט נישט קיין צייט אונטערשיידען) און שעכט א עוף וועלכער איז א מסוכנות, און עס פאדערט זיך פירכוס (יו״ד סי׳ י״ז).

ו) ווען דער שוחט איז שוין מיד איז שייך צו מאכען א דרסה (ער דריקט מיטן חלף אויף די סימנים וואס מאכט דעם עוף פאר נבילה), קיינער ווייסט נישט דערפון אפילו נישט דער שוחט צוליב די שנעלקייט.

ז) ביי די גרויסע שחיטות פאלען ארויף אויפן חלף שמוץ, שטויב און פעדערען, און עס ווערט אויך אפגעשפריצט מיט בלוט, און צוליב גרויס איילעניש האט ער נישט קיין צייט כסדר צו וואשען דעם חלף. און לויט די פוסקים איז דאס א ערנסטע חשש פון חלדה (דעת קדושים סי׳ כ״ד ס״ק ט׳).

ח) אויב א שוחט איז בודק דעם חלף און טרעפט ח״ו א פגימה האט ער א נגיעה צוליבמורא אויסצוזאגען, ווייל ביז 5 מינוט איז שוין דורך געלאפען אויף דעם קייט א פאר הונדערט געשאכטענע עופות, און דורך זיין פגימה איז אלעס ספק נבילה, ווייל אלע עופות פון די שוחטים זענען אויסגעמישט. דער שוחט טרויט זיך נישט שאדען צו מאכען אזוי פיהל פאר דעם בעל הבית, ווייל ער וועט איהם אפזאגען די פרנסה, און דורך דעם איז ער מאכיל ספק נבילות לישראל רח״ל.

ט) עס זענען פאראנען שוחטים וועלכע צוליב יאגעניש באמערקען זיי נישט און שעכטן די עופות בשעת זיי ווארפען זיך — (חשש דרסא).

י) א טייל שוחטים שעכטן נאר בהובאה אליין, ווייל זיי איילען זיך, הגם בדיעבד איז מותר בהולכה אדער בהובאה אליין, אבער דאס איז נאר בדיעבד אויב עס האט זיך אַזוי געמאכט, אבער א ודאי טאָהר מען נישט אזוי שעכטן בקביעות.

יא) די שוחטים האבן נישט קיין צייט בודק זיין דעם חלף מיט יישוב הדעת. עפ"י הלכה דארף מען כסדר דעם חלף בודק זיין מיט יישוב הדעת כדי מען זאל קענען האבען אן הרגשה אויף יעדע קליינע פגימה (עיין שמ"ח סי' ח"י סעיף ז'), עס איז זייער שווער דאס צו טאָהן ביי די גרויסע שחיטות. דורך דעם קומט ארויס ערנסטע מכשולים רח"ל.

יב) עס איז דא זייער א סאך שאלות ביי'די בני מעיים (קישקעלעך), צומת הגידין, שבירת עצמות.

יג) עס איז דא ווייניג משגיחים צו באקוקען די אלע שאלות וועלכע טרעפען זיך. די אויגען ווערען מיד פאר די פאָר משגיחים צו קוקען אויף א פאָר טויזנט עופות אין איין שעה.

## עד היכן הדברים מגיעים

מובא ביערות דבש שיוחנן כהן גדול נעשה צדוקי אחר שמוש בכהונה שמונים שנה, מחמת שנכשל בשוגג במאכל איסור.

שומו שמים !!

איש קדוש שנכנס בק"ק, מקום השראת השכינה ולא ניזק פ' שנים, כל התפלות של כלל ישראל וכפרתן נתקבלו על ידו, אעפ"כ כיון שנכשל, רק בשוגג, פ"א בימי זקנתו נעשה צדוקי.

ק"ו ב"ב של ק"ו כמה צריכין להתרחק מכל מיני מאכלים שונים שהיתרם אינו ברור. בפרט בדורינו שנתגבר הטעכניק עד למאוד, ובכל מאכל מעורבים דברים שונים ומשונים שפעמים קשה מאוד לבררם, ועלולים להכשל בהם.

ובכן, דוק ובדוק מה שנכנס לפיך.

---

יעדער שומר תורה ומצוות שטרעבט צו עסען נאר פארלעסליכע, ריכטיג פעסטגעשטעלטע כשר'ע מאכלים. די ציהל פון „ווער הכשרות" איז דאס צו פארמעגליכען. דעריבער שטיצט אייער און אונזער ארבעט. פארשאפט נייע מעמבערס! שיקט ארייו אייער דמי־חבר אין די צייט! טוהט נישט פארנאכלעסיגען אייער צאהלונג!

דורך דעם וועט איהר שטארקען די ארבעט און די עקזיסטענץ פון מדריך לכשרות

# פראגעס און ענטפערס
## וועגן שחיטות אין אמעריקע

**פראגע?**

פארוואס טאקע איז אזוי שווער אויסצופירען אז מען זאל שעכטן וויניגער עופות און גסות אין א שעה?

**ענטפער!**

קודם וועלען מיר ענטפערען ביי עופות.

א) יעדער שוחט פארדינט בערך $350 א וואך, דער שוחט האט 3 העלפערס, יעדער פון די העלפערס פארדינט לכל הפחות $150.00 א וואך, קומט אויס אז א שוחט מיט זיינע העלפערס קאסטען א ערך פון $800 א וואך.

ב) אויב א טשיקען פלענט האט איינגעפירט צו שעכטן למשל 1000 עופות א שעה, און ער האט 6 שוחטים, קאסט איהם שחיטה געלט בערך $3,450 א וואך (דער שוחט מיט די העלפערס).

אויב מען זאל אבער נאר שעכטן 500 א שעה [וואס דאס איז אויך נישט אזא קליינע צאָהל] וואלט ער געדארפט נעמען נאך א סעט פון 6 שוחטים מיט 9 העלפערס, קומט אויס אז די שחיטה געלט שטייגט אויף דאפעלט. דאס איז ביי עופות.

ג) יעצט ביי די גסות, למשל אז דער בעל הבית האט 4 שוחטים ובודקים מיט א בלאמבירער, און צאהלט יעדען עקסטרע $250 בערך, ס"ה $1,250, און זיי שעכטן אפ דורך די וואך ארום 1000 בהמות כנ"ל, קומט אויס אז עס קאסט $1.25 א בהמה צו שעכטן. יעצט אויב מען זאל שעכטן אין א קלענערען פארנעם, אזוי ווי עס דארף צו זיין, למשל א פלאץ וואס מען שעכט 300 בהמות א וואך, וואלט זיך געפאדערט לכל הפחות 3 שוחטים ובודקים פאר בלויז די 300 בהמות אליין, קאסט די שחיטה $750 א וואך, וואס דאס קומט אויס $2.50 פאר א בהמה, דאפעלט ווי ביי די גרויסע שחיטות ביי א וואך אליין מאכט דאס אויס א הון רב. יעצט פארוואס זאל דער בעה"ב האבען אינטערעס אריינצונעמען נאך שוחטים. און וועגען דעם שטעלט מען אין געפאר דאס גאנצע כשרות פון שחיטה, און וועגען דעם האלט מען נישט קיין שטאטען שוחט אויף זיין פאסטען.

דאס אלעס איז נאר וועגען ביזנעס פון א פאר סוחרים. דער אמת איז אז דער ביזנעס קען גרינג דערהייבען די עקסטרא הוצאות, עס איז נאר נישט דא ווער עס זאל זיי צווינגען דערויף.

**פראגע?**

פארוואס איז נישט איינגעפאלען פאר א קצב אין די אמאליגע גרעסערע שטעט אין יוראפ איינצופיהרען א מאסען שחיטה צו פארגרעסערען די רווחים?

**ענטפער!**

א) דער עולם איז נישט געווען געוואוינט צו עסען קיין סאך פלייש, מען איז נישט געווען להוט דערנאך אזוי ווי דא אין אמעריקע, עס זענען נישט געווען אזוי פיהל רעסטעראנטען נישט קיין הונדערטער האטעלען, קעיטערערס וועלכע מען זאל מוזען פארפיגען מיט מיליאנען פונט פון פלייש.

ב) די שחיטה איז געלעגען אין די הענט פון די קהילה, דער רב האט אלעס געפירט מיט תקיפות וביד חזקה. [און דער רב האט נישט באקומען קיין שום באצאלט פון די שחיטה, ער האט נאר באקומען א באשטימטע געהאלט פון קהל, פאר זיין רבנות, וואס פאר דעם האט דער רב געהאט דעם אחריות אויף אלע עניני אידישקייט פון די שטאט, למשל שאלות פאסקענען, מקוה, און שחיטות אויך. קיינע שינוים זענען נישט געטאָהן געווארען אָהן זיין הסכמה.

ג) די משגיחים זענען געצאהלט געווארען דורך די קהילה און זענען בכלל נישט געווען באאיינפלוסט פון קצב, עס וואלט געווען אוממעגליך איינצופירען א שנעלע שחיטה וועלכע קען זיך נאר אויף האלטען דורך גרויסע מכשולים.

ד) אמאליגע שוחטים זענען געווען ריכטיגע יראי השם וועלכע האבען געציטערט פאר א נדנוד חטא, די מינדסטע פארראכט אויף א שוחט אז ער איז נישט קיין אמת׳ער עהרליכער איד האט גורם געווען א טומעל אין שטאט, אפט מאהל איז די איבערקערעניש גאר געווען נאר אויף א קלייניקייט אויף וועלכע דער שוחט האט נישט מהדר געווען ווי צב״ש אז ער האט ארויסגענומען א ספר פון ביהמ״ר (נאך צוקוקען א שווערע שאלה) אן רשות פון די גבאים (עי׳ שו״ת דברי חיים), אז א שוחט האט גערערט ביי חזרת הש״ץ, אז ער האט גערעדט אויף איינעם א שלעכט ווארט אא״וו (וע״ע הרבה מעשיות כאלו בשו״ת חת״ס חו״מ קע״ו, דע״ת סי׳ ב׳, שו״ת יד אלעזר פ״ה, שו״ת מהרי״א יו״ד סי׳ ו׳, תשובת בית הלל פ״ו, פ״ז). די שוחטים וואלטען קיינמאהל נישט מסכים געווען צו שעכטן אויף אזא אופן ווי מען שעכט דא אין לאנד.

ה) דער קצב וואלט נישט געקענט אויספיהרען קיין שנעלע שחיטה נאר דורך פארשידענע ביזנעס טאקטיקס, טערארר, און א דרוק אויף די קהילה, רבנים, משגיחים וכדומה, וואס פארשטענדליך איז נישט געווען מעגליך אין יוראפ, (אזא הנהגה איז נאר מעגליך אין אמעריקע).

ו) אין לאנדאן האט מען געוואלט איינפירען מאסען שחיטות נוסח אמעריקע, האבען אפילו די סתם שוחטים, נישט נאר די גלאטע, נישט געוואלט הערען דערפון. און היינט צו טאג איז נאך דא אין לאנדאן און אויך אין אנטווערפאן א שחיטה סיסטעם וואס מיר דא אין אמעריקע מעגען זיך שעמען פאר זיי.

**פראגע?**

די סוחרים רעדען איין דעם עולם אז די שחיטה איז אין אמעריקע א סאך בעסער פון אמאל אין יוראפ, מיט די פאלגענדע טענה: אינדער־היים אויב מען האט טריפה געמאכט פאר דעם קצב א פאר בהמות, איז דער קצב געבליבען כמעט אן פרנסה [א חוץ וואס דורך דעם איז אויסגעקומען אז עס איז נישט געווען קיין פלייש אין שטעטל]. דא אין אמעריקע קען מען טריפה מאכען וויפיל מען וויל, און דער קצב האט נישט קיין היזק, ווייל דאס ווערט פארקויפט פאר טריפה, דורך די סתם סוחרים, און קיינער האט נישט קיין שאדען. איז דאס טאקע אמת?

**ענטפער!**

א) מיר זענען איבערגעצייגט אז די טענה איז אינגאנצען פאלש! ווייל פונקט ווי אין דער היים האט זיך געווענדעט די פרנסה פונעם קצב אין זיין בהמה, אזוי ווענדעט זיך די גאנצע ביזנעס פון שלאכט הויז אין דעם אז עס איז דא מעהר בהמות וואס ווערען כשר.

ב) מיר וועלען דאס מסביר זיין: די בהמות וואס ווערען געשאכטן אין די ניו־יארק ניו־דשוערסי געגענד ווערען געהאדעוועט אין די מיד־וועסט [א מהלך פון א פאר הונדער און אפשר 1000 מייל ווייט] און פון דארט ברענגט מען דאס אהער צו שעכטן, יעצט אויב א בהמה ווערט דא טריפה האט דער בעל הבית פון שלאכט הויז שאדען נישט נאר פון ריווח נאר אפי' פון קרן, ווייל צו פארקויפען דאס אלס טריפה איז א סאך ביליגער ראס צו הרג'ענען אין די מיד־וועסט.

עס לוינט זיך בכלל נישט צו ברענגען דאס אהער לעבעדיגערהייט. טייל פון די הוצאות זענען געווענליך איבעריג, ווי פאלגענר: (1) טראנספארטיישן! אין א טראק וואו מען קען אריינלייגען למשל 40 לעבעדיגע בהמות קען מען אריינלייגען לכל הפחות 4 מאל אזוי פיהל גע'הרג'עטע. (2) פארלוסט פון וואג דורך דעם וועג. (3) געבען צו עסען פאר די בהמות. (4) ארבייט [לעיבאר], ווי באוואוסט איז ארבייטער דא א סאך טייערער ווי אין די מיט־וועסט. (5) טעקסעס, בנין אויסהאלטונג, אד"ג.

ג) דער פאקט ווייזט אז אין די לעצטע 25 יאהר האבען זיך צוגעמאכט העכער 100 גוי'אישע שלאכט־הייזער אין די נ.י. ניו־דשוערסי. געגענד און ווי באוואוסט איז דאס געברויך פון פלייש נישט קלענער געווארען, וואס דאס איז מעיד אז עס לוינט נישט צו הרג'ענען בהמות פאר טריפה אין די געגענד. די פאר וועלעכע זענען געבליבען, שעכטען כמעט אלע אויף כשר.

ד) דעריבער איז דער בעה"ב שטארק פאר אינטרעסירט ווי מער זאל זיין כשר, און נאך מעהר אז עס זאל זיין גלאט כשר, ווייל די פארדינסטען אויף גלאט כשר איז א סאך מעהר ווי סתם כשר.

**פראגע?**

עס זענען פארהאנען עהרליכע רבנים וועלעכע גיבען השגחות אויף די פארשידענע שחיטות. ווי אזוי איז מעגליך אז עס זענען פארהאנען אזוי פיהל טענות אז די שחיטות זענען נישט אין ארדענונג?

**ענטפער!**

א) די רבנים בעלי המכשירים שטייען נישט טאג טעגליך ביי די שחיטה צו זעהן ווי אזוי עס גייט צו. פון צייט צו צייט ווען די רבנים גייען ארויס צום שלאכט־הויז ווערט די ארבעט געטוהן אויף גאר אן אנדערן סיסטעם ווי אלגעמיין. מען שחט, מען איז בודק א.א.וו. אויף א שטייטערען אויפן. למשל אויב מען איז שטענדיג בודק פיהר לונגען אין פינף מינוט, איז מען יעצט (ווען דער רב איז דארט) נאר בודק איין לונג, און די איבריגע לאזט מען איבער פאר די בשר כשר שחיטה (נישט גלאטע). מען גיט זיך באזונדער אפ מיט די רבנים, מען ווייזט זיי אלעס (אויסער בדיקת פנים וואס נאר דער רבש"ע ווייסט וואס דער בודק טוהט). ממילא זעהט דער רב אז עס איז דא גענוג צייט (גאנצע פינף מינוט פאר איין דיאה) אויף אלעמען. עס זענען פארהאנען נאך פארשידענע אופנים ווי אזוי אויסצובאהאלטען דעם טוג טעגליכן סיסטעם פון די רבנים (כמובן מאליו).

[אגב, איז כדי צו איללאסטרירען מיט די פאלגענדע פאקט. מען האט ארויסגעשיקט א דעלעגאציע פון דריי רבנים צו א שטארק חרדישע שחיטה נאכדעם ווי עס איז געווארען א טומעל אז עס ווערט געשחטען צוועלף הונדערט עופות אין איין שעה, דורך איין שוחט. די רבנים זענען צוריק געקומען שטארק צופרידען פון די שחיטה. זיי האבען געמאלדען אז בשעת זיי זענען דארט געווען האט מען נאר געשחטען פיהר הונדערט עופות א שעה.

עס האט זיך דערנאך אויפגעוויזען דורך אן ארבעטער וועלעכער האט געענטפערט אויף די פראגע: ,,היתכן מען האט נאר געשחטען 400 עופות ווען די רבנים זענען דארט געווען"? — אז די סיבה דערפון איז געווען ווייל עס איז געווען סוף טאג און מען האט שוין נישט געהאט קיין סאך עופות. אויף די פראגע צי מען האט מודיע געווען די רבנים אז אלגעמיין שחט מען מעהר ווי די צאהל, האט ער מודה געווען אז — ניין.

א דוגמא, ווי סיי שוחטים, צוליעב זייער פאסטען, און סיי די בעה"ב צוליעב זייער געשעפט נארען אפ די רבנים בעלי המכשירים].

ג) מיר האבען זיך איבערצייגט אויף א עופות שחיטה וואס עטליכע רבנים האבען געזאגט אז מען קען נישט שעכטן דארט מעהר ווי 600 עופות אין א שעה, איין שוחט, אז באמת שעכט מען דארט היינט צו טאג נאהנט צו 1000 עופות אין איין שעה. ממילא יעצט נאך דעם לייענען די שורות, ווען איהר וועט הערען אז רבנים זענען געפארען און געקומען און זאגען אז מען האט געמאכט תיקונים זאלט איהר וויסען וויפיל עס איז ווערט. איבערהויפט אז דאס גאנצע איז נאר ווייל עס טויג צו די ביזנעס.

ד) די רבנים נעמען געלט פאר זייער השגחה, [נישט אלס א חלק פון זייער רבנות, נאר א עקסטערע געהאלט פאר זאגן אז דאס איז כשר], און ממילא האבען זיי נגיעות און וואו עס איז דא נגיעות דערזעהט מען נישט אלעס.

ה) עס ווערט געברענגט, אז כדי צו וויסען פונקטליך וואס עס טוהט זיך אין שלאכט־הויז, מוז מען דארט זיין לכל הפחות דריי חדשים רצופים, טאג טעגליך. אפילו עס דאכט זיך פאר די לייענערס אז עס איז צופיהל איבער־געטריבען, איז אבער יעדער מודה אז פון ארויס־פאהרען צום שלאכט הויז איין מאהל א יאהר (צי אפילו א חודש) אויף א שעה־צווי, אדער אפילו צוויי מאהל א יאהר (צי א חודש), איז נישט גענוג צו באמערקען אלעס וואס גייט פאָר אין שלאכט־הויז.

ו) די פאלגענדע מעשה ווארפט א ליכט אויף דעם היינטיגען מצב אין שחיטה:

אין די באקאנטע שטאט בארדיטשוב (א שטאט פון יראים ושלמים, צוואנציג טויזענט אידישע נפשות), איז אויפגענומען געווארען א שוחט לויט די אנווייזונג פון איינעם פון די גרעסטע צדיקים בדורו (אנגענומען ביי אלע שיכטען פאר א קדוש עליון). דער ראב״ד ר׳ משולם נתן זצ״ל האט באלד געשריגען אז דער שוחט איז מאכיל טריפות. האט מען איהם (ר׳ משולם נתן) נישט געלאזט מעהר גיין צום שלאכט־הויז.

מען האט גענומען אנדערע דיינים אז זיי זאלען באקוקען ווי אזוי דער שוחט שעכט. זיבען רבנים פון אנדערע שטעט און די אנדערע דיינים פון בארדיטשוב האבען געזאגט אז אלעס איז אין בעסטען ארדענונג, מען דארף בכלל נישט חושש זיין אויף גארנישט לגבי דעם שוחט.

סוף הדבר, מען האט געברענגט ר׳ שלמה קלוגער זצ״ל קיין בארדיטשוב. מיט דריי מאהל צוקוקען צו די שחיטה האט ער גע׳אסר׳ט דעם שוחט. ער האט געשריגען אז דער שוחט איז מאכיל טריפות. [די צוויי גדולים וועלעכע האבען איהם מתיר געווען האבען שפעטער געבעטען מחילה פון דער מהרש״ק] (עי׳ היטב בטוב טעם ודעת חלק א׳).

שטעלט אייך פאָר, דער שוחט האט יאהרען לאנג מאכיל געווען טריפות, און זיבען רבנים מובהקים האבען גארנישט געזעהן. דאס באווייזט אז מען קען זיין אן עהרליכער רב ודיין, ת״ח ומורה הוראה און דאך נישט פארשטיין דעם מהלך (סיסטעם) פון שחיטה ובדיקה. ומכש״כ היינט אז דער סיסטעם איז א סאך מעהר קאמפליצירט איז אודאי מעגליך אז דער ענין זאל נישט זיין קלאהר ווי עס פאדערט זיך דערפאר.

ז) צוריק צו די פראגע: מען דארף פרעגען די קשיא פונקט פארקערט. היתכן אז עס זענען פארהאנען אזוי פיהל חרדישע רבנים ומורה הוראות וועלעכע עסען בכלל נישט דאס פלייש פון די מאסען שחיטות דא אין אמעריקע (אין יוראפ האבען אלע רבנים געגעסען פלייש געשאכטען אין שלאכט־הויז). טייל פון די

רבנים האבען געמאלדען נאך דעם ווי זיי האבען באזוכט די שלאכט־הויז אז אריב אלע רבנים וואלטען געווען פאר א באזוך אין שלאכט־הויז וואלטען זיי אויך נישט געגעסן קיין פלייש. א טייל וועלכע זענען נישט געווען אין שלאכט־הויז זאגען אויך פאר יעדען ווער עס פרעגט זיי פריוואט, אז עס איז בעסער אויב מען עסט נישט די פליישען. און א טייל זאגען בפירוש אז מען טאהר נישט עסען.

ח) אפילו די רבנים בעלי מכשירים וועלכע גיבען השגחות אויף פלייש־געשעפטען, איז דא א גרויסער טייל פון זיי וועלכע עסען נישט פון דעם פלייש.

ט) דאס אלעס דארף מעורר זיין דעם המון אז עפעס איז נישט אין ארדענונג. א סאך שוחטים מפורסמים, נישט קיין בטלנים נאר מפורסמים אין זייער פאך פון שחיטה, האבען אויפגעהערט צו שחטן ווען זיי זענען געקומען אויף אמעריקע, צוליעב די טענה אז עס טויג נישט ווייל מען יאגט צו פיהל.

**פראגע?**

ווי אזוי איז מעגליך אז די שחיטה איז נישט אין ארדענונג? אסאך פון די שוחטים הייסען דאך עהרליכע אידען?

**ענטפער!**

די שוחטים ארבעטען לויט דעם באפעהל פון בעה"ב. ער טיילט איין די ארבייט. די שוחטים זענען משועבד צו איהם צוליב פרנסה. אויב דער וואונטש פון בעה"ב ווערט נישט אויסגעפירט, האט ער מורא צו פארלירען זיין פרנסה. איז שוין פארשטענדליך אז אלע עוולות פון די שחיטה מוז מען אוועק־קוקען און אויך פארענטפערען.

עס איז גוט באקאנט אז ווען די שוחטים זענען געקומען אויף אמעריקע האבען זיי זיך באקלאגט אז מען יאגט זייער ביים שחטען. צוליב זייער פארצווייפלונג האבען זיי אפילו געוואלט אויפהערען צו שחטען. אבער אזוי ווי עס האט זיך נישט געפונען דעמאלטסדיגע צייטען אנדערע פאסיגע פרנסות צו וועלכע זיי האבען געטויגט, האבען זיי ווייטער גע'שחט'ען און זיך שטענדיג באקלאגט. מיט די צייט זענען זיי געווארען צוגעוואוינט צו די שנעלע שחיטה און רעדען זיך מעהר נישט אפ. אדרבא, אויב מען שחט אמאל שטייט, זאגען זיי אז מען שפילט זיך ארום.

עס איז וויכטיג צו דערמאנען דעם פאקט, אז די מכשירים האבען געענטפערט אויף די פראגע „וויפיהל עופות מעג א שוחט שחטען א שעה" ? דער תירוץ איז, אז יעדער שוחט מעג שחטן וויפיהל ער קען.

מיט דעם ווערט ארויסגעברענגט דער צווייפעלהאפט פון די גרויסע שחיטה־פלענטס. אין יעדען שלאכט־הויז איז דא בערך זעקס, אכט, און א טייל פלעצער אפילו צוועלף שוחטים, אויב איינער אדער צוויי שוחטים זאגען אז זיי קענען שחטן טויזענט אדער צוועלף הונדערט עופות א שעה, שטעלט דער בעה"ב איין דעם סיסטעם די שנעלקייט פון קייט, די ארבייטער, וכדומה, אז אלע שוחטים זאלען אזויפיהל שחטן. אזוי מוז געטאן ווערען לויט דעם דעת פון בעה"ב.

פאר דעם בעה"ב איז נישט קיין חילוק צווישען א יונגען שוחט פון דרייסיג יאהר אדער אן עלטערן שוחט פון פופציג יאהר. עס איז נישט קיין חילוק צווישען א שוחט וועלעכער איז בטבע א זריז (פלינקער) ביז איינעם וועלעכער איז בטבע א מתון (שטאטער). עס איז אויך נישט קיין חילוק פאר דעם בעה"ב, צי עס איז אכט אזייגער אין דער פרי ווען די האנט און די קאפ זענען נאך אויסגערוהט, ביז דריי אזייגער נאך מיטאג ווען מען איז שוין אויסגעמוטשעט. שטענדיג מוז ארויסקומען די מאס ארבעט וועלעכע איז צוגעגרייט לויט דעם לויף פון דעם סיסטעם.

סך־הכל: דער שוחט שחט וויפיהל דער בעה"ב וויל, און ניט וויפיהל דער שוחט וויל אדער ער קען.

פארשטייט זיך אז דער שוחט וועלעכער זיין גאנצע פרנסה איז אפהענגיג אין דער שחיטה, וועט אודאי נישט מודה זיין (עכ"פ ברבים) אז עס טויג נישט. אבער ליידער איז דאס דער אמת.

**פראגע?**

איז דא מער חשש אויף צונגען, לעבער, סוויט־ברעסט ווי אויף אנדערע חלקים פלייש?

**ענטפער!**

א בהמה האט איין צונג, איין לעבער און איין סוויט־ברעסט (בערך 1 פונט), דאס ווערט פארקויפט און געשיקט איבער גאנץ אמעריקע צו בוטשערס, קעיטערערס, האומס, רעסטוראנטען וכו', וואס עס איז נישט במציאות לויט וויפיל בהמות עס ווערט געשאכטען אויף **גלאט כשר.**

**פראגע?**

פארוואס שווייגען די רבנים וועלעכע עסען נישט פון די שחיטות, זיי ווייסען דאך יא וואס עס גייט פאָר?

**ענטפער!**

דער ענטפער איז איינפאך: א) זיי האבען מורא אז עס קען שאדען מאכען זייערע פרנסות.

ב) צוליבן דרוק פון פארשידענע קרייזען.

ג) צוליב טעראָר פון בעה"ב, שותפים וכו', כידוע.

**פראגע?**

איז מעגליך מתקן צו זיין די אלע מכשולים און קילקולים? וואס איז די תקנה?

**ענטפער!**

א) די תקנה קען נאר זיין אז מען וועט איינפירען א געלאסענע און קליינע שחיטה, מיט תקנות און הידורים, און יעדע קהילה זאל האבען א אייגענע שחיטה

אין בוטשער סטאר כו׳, מיטן שטרענגען אויפזיכט פון דעם רב, וואס דער רב, שוחט, משגיח, מנקר, זאלען ווערען געצאלט בלויז פון קהל אלעס אזוי ווי עס איז געווען אינדער־היים אין יוראפ.

ב) די עצם שפאלטונג פון די שחיטה אויף קלענערע חלקים וועט ארויס העלפען דעם מצב הכשרות פון שחיטה, עס וועט זיך ענדיגען די מאנאפאל, עס וועט ווערען א ריכטיגע שחיטה מתונה, און בעיקר וועט זיך אויפהערען די הפקירות, עס וועט זיין א קאנטראל אויף די שחיטות.

ג) עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז אין די לעצטע דרייסיג יאהר האט זיך יעדע קהילה אויף געאַרבעט אין אלע אינזיכטען הן ברוחניות והן בגשמיות. קהילות האבן אן אייגענעם שוהל, מקוה, ישיבה, ת״ת, קעמפ, מיידעל שוהל, כולל, צדקה וחסד מוסדות. עס איז ב״ה נשתנה לטובה, אבער דוקא אין געביט פון שחיטה וועלכע איז וויכטיגער פון אלעס איז אינגאנצען נאכגעלאזט געווארען. די אלע מוסדות ווערען אויסגהאלטען מיט שווערע געפלאגטע געלטער דורך היימישע אידען שומרי תומ״צ, פארוואס זאל מען נישט קענען סובסידייזען (שטיצען) א אייגענעם כשר׳ע שחיטה.

חודש טבת־שבט ה׳תשל״ז קונטרס טז

## אזהרות הוועד

**פלייש געשעפטען (בוטשער־סטארס)**

...מיר טוהן נאך אמאל ווארענען די אזהרה פון מדריך נומ . פיער (דף קט״ו), וועגען פלייש־געשעפטען . אפילו ווען די פלייש געשעפט האט אן השגחה, איז דאס נישט אויף די שחיטה ובדיקה פון די פלייש . די השגחה פאנגט זיך אן בלויז פון ווען די פלייש קומט אריין אין געשעפט (אויף ניקור, מליחה וכדומה)

...עס זענען פארהאנען פלייש־געשעפטען וועלכע נעמען אריין פארשידענע פליישען פון א פאר שלאכט־הייזער . כדי צו ציהען קונים רעקלאמירען זיי אז זיי פארקויפען גלאט פלייש פון די אדער יענע שחיטה, וועלכע איז אנגענומען ביי די קונרען קרייז

...דאס איז אבער נישט ריכטיג, ווייל דער קונה קען נישט וויסען פון וועלכע שחיטה עס קומט דער שטיקעל פלייש אדער געפערטעלטע עוף . דער קונה ווערט אפגענארט און מיינט אז ער קויפט פלייש פון די שחיטה אויף וועלכע ער איז שטענדיג מהדר . זייט פארזיכטיג און פארלאנגט א קלאהרקייט פון אייער פלייש־געשעפט

# פראגעס און ענטפערס
## וועגן שחיטות אין אמעריקע

מיר האבן ערהאלטן פיל בריוון וועגן די שחיטה באריכטן. ווי פארשטענדליך זענען טייל בריוון דברי חיזוק, א טייל קריטיק, א טייל פראגען, א טייל הערות און א טייל אויך זידעל־רייד.

מיר ברייגנען נאר אראפ א טייל מוסטערן און נאר אויסצוגן דערפון וועלכע זענען נויטיגע הערות אדער נוצליכע פראגעס וועלעכע ברענגען א קלארקייט אין אונזער ארבעט.

א) ... למה לא הזכרתם בכלל שאלת ריסוק אברים אצל העופות. כמעט בכל בתי המשחטות הגדולים זורקים את קופסאות העופות מהמשאית ארצה... כן הוא גם במקצת המשחטות החרדים ביותר... שמעתי שאצל שחיטות וויינלאנד מסודר באופן שלא יהי' אפשרות לזרוק את קופסאות העופות, ושאלה זו לא שייך אצלם...

**אברהם נתן ווייס (ברוקלין)**

ב) ... עושים רעש מתערובות אנשים ונשים, ושלא יסעו רק בבאסעס שישנו מקומות מיוחדים לאנשים, ונשים לחוד, ואין איש שם על לב שהבודקים שצריכים להיות יראים ושלמים עובדים ביחד עם נשים נכריות, ממש זה ליד זה. ובזמן הקיץ הולכים בפריצות כזאת שממש אי אפשר גם לאיש פשוט לעבוד שם, ובפרט לבודק... בודאי שא"א בענין אחר, שהאבק והחום מכריחים את הנכריות לעבוד באופן זה, מ"מ צריכין לעשות איזה תיקונים בענין זה. לחשוב מחשבות... נחיצות הענין א"א להשיגו, רק מי שעובד שם...

**י. ב. ד.**

ג) ... מובא בדרכי תשובה הל' מליחה סי' ס"ט סעי' י' (אות קס"ה) עי' בקונטרס בעל הסמ"ע ז"ל שכ' שיש לזהר לכתחלה שישרו וימלחו הבשר ע"י ישראל דוקא ולא ע"י שפחותיהן העכו"ם עיי"ש והביאו הבית לחם יהודה ס"ק מ"ו...

... בכל שחיטה שביקרתי ראיתי שהעכו"ם מולחים את העופות... חוץ מתקנה הנ"ל הלא אינם נאמנים בדבר... אין להם השגחה עליהם כדבעי, אף שיש משגיחים על המליחה, אינו כלום...

בתקנות ועד הארצות מאת בעל הסמ"ע זצ"ל לא נכתב לכתחילה ולא נכתב טעם לתקנה זו, וז"ל הנשים יהי' נזהרים שישרו וימלחו הבשר בעצמן או משרתת ישראלית ולא שפחותיהן הגויות כלל, נדפס בסוף ספר כל בו (דפוס שולזינגער).

י. ש. ר.

ד) ... פארוואס האט אויסגעפעלט צו מאכן א טומעל ? אויב עס טויג נישט פראבירט מען שטילערהייט צו פארעכטן ? ... עס איז אינטרעסאנט צו זעהן דעם שדי חמד מערכת חמץ ומצה ווי ער רעדט אדום ועגן נייע סיסטעמען אין די עסן אינדוסטרי ... דאס ווייזט ווי אזוי אמאליגע גאונים וצדיקים זי"ע האבן באטראכט דעם געפאר וועלעכע איז נוגע אויך צו כשרות דא אין לאנד .. עי' סי' י' אות ג' ד"ה ולפי, ד"ה והנה בענין, און אויך סימן י"ג אות י"ב ד"ה ולפי הנראה ... דאס זעלבע ממש ביי דעם ענין ... אפילו מען מאכט תקנות טויג נאך אלץ נישט די עצם זאך, צוליב דעם שורש „מאסען פראדוקציע" ...

**הק' צבי ג-טליב (בני ברק)**

**המערכת**

לתועלת הרבים ברענגען מיר אראפ די מראי מקומות אביסל מער באריכות, און אויך ווילן מיר ציטירן פון דעם ספר ויוא' משה, מהגה"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א מאמר שלש שבועות אות קמ"ג וואו כ"ק מרן שליט"א איז מאריך וועגן דעם שדי חמד:

1) מערכת חמץ ומצה סימן י' אות ג' ד"ה ולפי. ונראה דלקבוע הלכה לדורות לעשות באופן שיש חשש איסור, אלא שנבא לעשות תיקונים להסיר החשש הנז"ל, אין לעשות כן, כי אחר שיתפשט ההיתר על ידי תיקונים, ההיתר יתפשט לגמרי ומעט מעט לא יזכרו ולא יפקדו אין גם אחד מן התיקונים הצריכים כלל וכו' יעו"ש עוד.

2) שם ד"ה והנה בענין זה כתב לי'. הנה ידוע דמרגלא בפומא דרבנן קשישאי שהחדש אסור מן התורה „בכל מקום" ולכן כל דבר הנעשה לדון בדבר החדש יש להתבונן בשבע עינים ובשבע חקירות לבל יהרס ח"ו מזה גדר התורה. עכל"ק.

3) סימן י"ג אות י"ב ד"ה ולפי הנראה (לענין מאשין מצות). וכבר כתבתי למעלה בסי' י' אות ג'

דבענינים כוללים המסורים ביד כל אדם שההיתר בהם מפוקפק אם לא על ידי (תיקונים) התיקונים יתבטלו ויתפשט ההיתר לגמרי בלי שום תיקון, הנך רואה שבדברי הגאון שם ארי' לא הוזכר „שום תיקון" רק כתב סתם שגדולי אשכנז עושים כן וכל השומע ורואה דברים האלו יבין בלבבו שעשיית המצות במאשין הותר מכללא „בלי שום תיקון" כלל. עכל"ק.

ה) איך וויל מעורר זיין, דאס הגאונים מארי דארעא קדישא, דער ביד"צ דעדה החרדית שליט"א אין ווען עמענס שפיץ עס שטייט דער רב ואב"ד הגה"ק מאור עינינו אדמו"ר מסאטמאר שליט"א שרייבט אויך מיט פארביטערניש וועגן די מאסען פראדוקציע סיסטעמען. בייגעלייגט וועט איהר געפינען א קאפיע פון זייערע ווערטער אין מדריך הכשרות, תשל"ז.

**מרדכי פעדערמאן (קאנאדע)**

ו) . . . חילול כבוד הרבנים איז נישט קיין איסור ? . . . מען דארף נישט חושש זיין אויף שוחטים יראים ושלמים . . . א סאך זענען געווען ביי די שחיטות לעצטענס, און זאגען אז אלעס איז אין בעסטען ארדענונג . . .

**אשר געלבמאן (קווינס)**

ז) היתכן שהרה"ג המפורסם . . . מדעברעצין שליט"א כתב במדריך מספר י"ד שאין לו אחריות אישית על מאמרי השחיטה . . . למה לא כותבים מי הם המערכת ?

**אברהם פריעדמאן (אנגלי')**

ח) . . . דורך דעם טומעל האבן א טייל אנגעפאנגען צו קויפען פלייש פון די אוי. יו. שחיטות . . . וואס טויגן זיכער נישט.

**גדלי' שטרן (ספרינג וואלי)**

ט) . . . צריכים לדבר קודם עם המכשירים. למה יגרעו מפאשקעס, מעדנים, ווילמארק, אוי. יו. ועוד, שלא כתבתם קודם שדברתם עם הרבנים המשגיחים ? . . .

**חי"ל ר"ב (ברוקלין)**

**תשובות המערכת :**

. . . פארוואס האט אויסגעפעלט צו מאכען א טומעל ?

א) דער באריכט פון שחיטות איז געווען אויסדריקליך פון כלל'דיגען כאראקטער (זעה דבר המערכת און מדריך), ווי אויך געמאלדען אין אנפאנג פון באריכט, אז דאס איז נישט קיין דירעקטער דין וחשבון פון א געוויסע שחיטה. עס באריכט **אלע** גלאטע שחיטות, כדי דער ציבור זאל האבן א באגריף וואס עס טוט זיך אין די פלייש אינדוסטריע, וואס צו פרעגן, אויף וואס מהדר צו זיין, אויף וואס צו קוקן, וואס צו פארמיידען, וכדומה. עס איז שוין די העכסטע צייט אז דער ציבור זאל האבן א שטיקעל ידיעה וואס, און ווי אזוי, עס גייט צו, אויך ביי די פלייש אינדסוטריע. אבער, דער בארכיט צילט נישט צו באריהן קיין געוויסע פירמא, השגחה, אדער רב.

. . . חילול כבוד הרבנים איז נישט קיין איסור ?

ב) ווי דערמאנט האט דער „שימו לב" באריכט נישט אנגעגריפן אדער גרינגעשעצט געוויסע שחיטות און א וודאי נישט קיין רבנים שליט"א אדרבא מיר שטרעבן אז עס זאל דערהויבן ווערן דער כבוד הרבנים, דורך דעם וואס זיי ווערן באקאנט אין פעלד פון כשרות און פירן דאס אויס מיט ווירדע.

אויב עס טרעפט זיך רבנים וועלכע האבן געשפירט א פחיתת הכבוד ח"ו בכבוד הרבנות דורך אונזער ארטיקל בעטן מיר ברבים מחילה וסליחה מכבוד הרבנים הגאונים שליט"א, ומאתם הסליחה, הגם מיר האבן קיינעם נישט געמיינט, נאר דעם עצם הענין אליין.

. . . מען דארף נישט חושש זיין אויף שוחטים יראים ושלמים.

ג) ווי מיר האבן פריער געשריבען האט דער באריכט ארומגענומען **אלע** גלאט כשר'ע שחיטות, אויך די אויף וועלכע מען קען נישט זאגען אז די

שוחטים זענען יראים ושלמים (יראי ד׳ מרבים) און דאך רופט זיך די שחיטה „גלאט״.

אבער, אויך ביי די היימישע שחיטות וואו די שוחטים ובודקים זענען טאקע יא יראי ד׳, ווערט דורך אונזער באריכט נישט באריירט זייער כבוד, ח״ו.

מיר ווילן מעתיק זיין דעם לשון פון שו״ת שואל ומשיב מהדורא א׳ חלק ב׳ סי׳ י״ד:

> . . . כי כפי הנשמע השו״ב **יראים ושלמים** הם
> אתנו אך מבלי משים על לב נפרצו מעט להקל ולא
> עמדו על משמרתם חזק וכאשר ידעו כי יש משגיח
> עליהם תכבד העבודה עליהם וישובו לאומנתם בשלום.

דער גרויסער גאון זצ״ל רופט אהן די שוחטים יראים ושלמים. מיר פארשטייען וואס דאס מיינט אן עדות פון אזא גאון אז זיי זענען יראים ושלמים, דאך גיט ער צו אז אהן קיין פארשטארקונג פון השגחה קען געמאלט זיין ביי זיי א נאכגעלאזנקייט. איבערהויפט ביי די היינטיגע שחיטות, וואו דער שוחט, אפילו דער ערליכסטער, קען אויך נישט טוישען דעם סיסטעם פון מאסען פראדוקציע, ער קען נאר זיין פארזיכטיג פאר זיך, און טייל-ווייז אויך מתקן זיין תקנות (שינוי לטובה), אבער דעם גרונד פון פראבלעם קען ער נישט מתקן זיין, אפילו עס איז כנגד רצונו.

לייענט וואס דער ביד״צ אין ירושלים עיה״ק שרייבן וועגן מאסען פראדוקציע: זיי ווילען נישט האבן קיין שום שייכות דערצו (עי׳ להלן). זייער שחיטה און די תקנות דארפן דינען אלץ א מוסטער פאר די אמעריקאנער שחיטה.

~~~~~~

. . . אסאך זענען געוועזן ביי די שחיטות לעצטענס, און זאגען אז אלעס איז אין בעסטען ארדענונג?

ד) עס איז פארשטענדליך אז פון געגענווארט איז קיינמאל נישט קיין באווייז אויף דעם פארגאנגענהייט, און אויך נישט אלץ אויף דעם צוקונפט.

עס דערפרייט אונזער הארץ צו הערן אז ביי די אדער יענע שחיטה איז שוין איינגעפירט געווארן א שטיקעל ארדענונג. נאך מער זענען מיר צופרידען אז ביי טייל שחיטות איז נישט געוועזן איינגעפירט „מאסען פראדוקציע״ און איז אלעמאל געוועזן אין בעסטען ארדענונג. אויף דעם שטרעבן מיר און דאס איז אונזער ציל.
~~~~~~

**מיר זענען אבער איבערצייגט אז אונזער באריכט האט בייגעטראגן צו מער וואכזאמקייט.** ווי עס איז באקאנט, האט מען לײדער, בעוה״ר (נאך דעם ווי אונזער ארטיקל איז געשריבן געווארן) — געמוזט אראפנעמען די השגחה פון איינע פון די היימישע גלאט כשר׳ע (האלסעילערס) גרויס־הענדלערס, כאטשע עס איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס עס איז דארט געפונען געווארן א מכשול (וואס דעם פראבלעם האבן מיר געמאלדן אין אונזער באריכט).

דעריבער, מוז עפענטליך ערקלערט ווערן אז עס איז נאך אלץ אין ארט אויסצוהערן פונקטליך די שחיטה פראבלעמען אזוי ווי אונזער מפקח שליט״א האט פערלאנגט פון גדולי הרבנים שליט״א, מונדליכע און דאקומענטירטע באווייזן זענען נאך אלץ נישט ארויסגעברענגט געווארן צוליב כבוד אלקים הסתר דבר. אונזער מפקח הרה״ג שליט״א האט באטאנט בהסכם הרבנים שליט״א (ווי אויך, איז באוואוסט אז ביי די אסיפת וועד הפועל פון התאחדות הרבנים וואס איז אפגעהאלטן געווארן בימי הספירה, איז פארגעשלאגן געווארן דורך הרה״ג משאמקיט שליט״א און געשטיצט געווארן דורך הרה״ג הצ׳ המפורסם אב״ד דק״ק פאפא שליט״א ועוד רבנים גאונים שליט״א) — **אז יעצט** (דורך דעם אויפברויז פון דעת הקהל) איז דער ריכטיגער שעת הכושר מתקן צו זיין די שחיטה אויף צוקונפטיגע דורות, אוועקשטעלן יסודות וועלכע וועלן פארשטארקן און באווארענען אז די פראבלעמען זאלן נישט פארקומען, דאס קען נאר געטאן ווערן דורך צוזאמען רעדן זיך פנים אל פנים מיט די רבנים שליט״א.

. . . היתכן שהמפקח שליט״א כתב במדריך מספר י״ד שאין לו אחריות אישית על מאמרי השחיטה ?

ה) אונזער מפקח שליט״א שרייבט קלאר ארויס זיין טעם. ער האט זיך נישט באפאסט אין דעם ענין פון שחיטות צוליב די פיל צייט וועלכע פארלאנגט זיך דערצו, עס איז צייטליך ערקלערט געווארן פאר מען האט בכלל געשריבן וועגן דעם ענין.

. . . למה לא כותבים מי הם המערכת ?

ו) דער וועד הכשרות איז אוועקגעשטעלט מיט א פעסטן גרונד פון אומפארטייאישקייט. עס האט זיך ארויסגעוויזן במשך הזמן צו קענען האלטן ב״ה אין די זעלבע ליניע, לשם ולתפארת. אזוי ווי די רבנים שליט״א, און פערזענליכקייטן וועלכע נעמען א טייל אין מערכת זענען פארבונדן מיט

פארשידענע קהילות און מוסדות, איבער דעם, דורך פארעפנטליכן די נעמען וואלט דאס נישט ווילענריג צוגעברענגט צו פארטייאישע גערענקען ביי די ליינערס.

אויך זענען שטענדיג פארהאנען די וועלעכע ווילען פון יעדן באריכט מאכען א פאליטישען געראנגל, אבער נישט וויסענדיג ווער עס האט געשריבען דעם געוויסן באריכט, ווייזט זיך אלץ אויס אז עס איז בלויז געשריבען געווארן לתועלת הענין און אלע מעגליכע נגיעות זענען באזייטיגט געווארן.

צווייטענס, ווי באקאנט ברענגט אזא מין ארבעט [פון אונטערזוכונגען, פאדערונגען, און ארויסקומען אָפען מיט רעם אמת] — נישט קיין כבור, נאר דאס פארקערטע, די מיטארבייטער זענען געפאסט אויף פיזישע דרויאונגען, פארדאמונגען וכדומה. ליידער ענדיגט זיך נישט די פרשה דערמיט, מען נוצט אויך אויס, רבנישע, קהלישע דרוק אויף די מיטארבייטער, פון הויכע פענצטער, דרויט מען מיט גוטן, און פארקערט אויך, די סארט דרוק איז זייער שווער צוריקווייזן.

משנים קדמוניות, האט יעדער רב סיי וועלעכער געקענט אויסדריקען זיין פערזענליכע מיינונג אויף דעם ערגסטן פאל האט ער מורא געהאט אז מען וועט עס נישט מקבל זיין אדער מעגליך זיך אויסלאכען דערפון, אויף דעם אופן האט יעדער געקענט עפענטליך, מיט זיין אייגענעם נאמען שרייבען זיינע פאדערונגען וכרומה.

אין די היינטיגע אומשטענדן מוז א טייל מאל ארויסגעזאגט ווערן דער דעת תורה בהסתר. וד״ל.

אויף די פראגע „מי הם המערכת״? שרייבט רער מפקח הגה״צ שליט״א הנחתי מלאכה זו לאלה המומחים בדבר ועוסקים בזה תמיד . . . שהם בעלי אחריות גדולים לעצמם ונאמנים ובר סמכים בכל מעשיהם ודבריהם. ובאמת ממש רנו ודייקו על כל אות ואות שנכתב כדי שיצא רבר מתוקן ומדויק מתחת ידם . . . אָפט מאהל האט דער מפקח שליט״א געשריבען און גע׳דרש׳נט ברבים, אז ער איז מעיד שכל כוונתם לשם שמים, ודי בזה.

. . . א טייל האבען אנגעפאנגען צו קויפען פלייש פון די או. יו.

ז) דאס איז די איינציגע ווייטאגליכער פונקט פון אלע פראגען. מיר קענען נישט גלויבען אז נאך אונזערע באריכטען אין די לעצטע פינעף מדריכים ובפרט וועגען שחיטות (נומ. 14) אונטער די או. יו. זאל זיך טרעפען גאר

אזעלעכע וועלעכע זאלען אנפאנגען צו עסען די שחיטה. אויב עס איז ריכטיג, מוז דאס נאר זיין יחידים וועלעכע זענען פאר דעם אויך נישט נזהר געווען פון אוי. יו. פראדוקטען.

אדרבא, ווי עס ווערט איבערגעגעבן האבען זייער פיל אויפגעהערט צו עסען אינגאנצען פון מאסען פראדוקציע שלאכט־הייזער. א טייל שחט'ן פאר זייער געברויך ביי ספעציעלע פלעצער און מאכען זיך אליין כשר.

~~~~~

. . . צריכים לדבר קודם עם המכשירים, למה יגרעו . . .

ח) ווי געמאלדען פריער, האט אונזער גאנג, צו ערקלערן די אלגעמיינע פראבלעמען פאר דעם ציבור (זעה דבר המערכת אין מדריך) — קיין שום שייכות צו פעסטשטעלונג פון א געוויסע באשטימטע פירמא אדער שלאכט־הויז. ווען מען באשרייבט א געוויסע פראבלעם מיט א נאמען פון א פירמא אדער השגחה, איז דאס נאר, נאך דעם ווי מען האט שוין פראבירט מתקן צו זיין שטילערהייט און עס האט נישט געהאלפן. אונזער שחיטה באריכטען זענען געווען פון אלגעמיינעם כאראקטער ווי געמאלדען. עס איז נישט קיין סתירה פון מודיע זיין דעם ציבור נוצליכע ידיעות, און פארהאנדלען מיט יעדען געוויסען מכשיר באזונדער.

באמת, איז די שחיטה פראבלעם א פראגע וועלעכער אפילו מען זאל רעדען מיט אלע פארשידענע השגחות, משגיחים, שוחטים ובודקים, ארגאניזאציעס [ווי דער וועד הכשרות האט שוין געטאהן במשך די לעצטע פאר יאהרן] — וועט נאך אלץ נישט מתוקן ווערן כהוגן.

דער רב המכשיר קען מתקן זיין שינוים וועלעכע וועלן זיין לטובה, אבער ער איז נישט בכח צו ענדערן דעם גאנצען מהלך און סיסטעם פון שחיטה.

די הויפט סיבה וועלעכע איז מסבב אלע פראבלעמען איז די שחיטה געשטאלט פון מאסען פראדוקציע. דער מכשיר קען נישט איינטיילן פאר דעם בעה"ב אז מען זאל שחט'ן מיט צוויי הונדערט עופות ווייניגער א שעה. ער קען נאר מתקן זיין דעם מצב כמו שהוא אז עס זאל זיין כשר, אבער דאס איז נאך אלץ ווייט פון די נקודה של תכלית הכשרות, צד היותר טוב, למהדרין, לית טב מיני', וכדומה (לשונות וועלעכע ווערן באנוצט דורך פלייש פראפאגאנדע).

די איינציגע תקנה, ווי געמאלדען אין מדריך נומ. 16 איז אז די קהילות זאלן אויפשטעלן אן אייגענעם שחיטה הויז אויף א קליינעם געשטעל מיט
~~~~~

הידורים ותקנות, אויף דעם זעלבען אופן ווי יעדער איז געווען געוואוינט אין די שטעטלעך אין פרידען צייטן.

מיר האפען אז די דאזיגע ערקלערונג וועט ברענגען פארשטענדעניש צווישען אונזערע לייגער, און זיין א באגנוגענדער ענטפער אויף די פילע הונדערטער בריוון וועלכע מיר האבן ערהאלטען. והי׳ בזה שלום על ישראל אמן.

**חודש תמוז־מנ״א ה׳תשל״ז קונטרס כ׳**

# המזון בהלכה

. . . אודות מה שכתבתם במדריכים הקודמים, שאתם משתוקקים לברר אמיתת דבריכם בעניני השחיטות בפני הרבנים שליט״א, ורק באופן זה יתוקן הדבר . . . כמדומה שכהיום אחרי שהרבנים שליט״א הכריזו בפומבי שלדעתם הענין מסודר היטב וגם הם נהנים מאותו הבשר, אין לסמוך אל מה שיתוועדו עכשיו לדון בדבר, שהרי נוגעים בדבר, ובודאי יצדיקו דבריהם ולא יסוגו אחור, מפני הבושה.

. . . עי׳ מה שכתב המהרלב״ח בקונטרס הסמיכה, שחכמי ירושלים לא רצו להחזיר את ענין הסמיכה וחכמי צפת כבר החליטו להחזירו. וכתב שם המהרלב״ח [שצידד עם חכמי ירושלים] שאף אם יאמרו [חכמי צפת] שיתוועדו עכשיו יחד לדון בדבר, זה לא מועיל, דכיון שכבר עשו מעשה עפ״י הוראתם הוי נוגעים בדבר, דכסופא להו מילתא למיהדר, **ומחמת אותה הנגיעה עושה נטיית הדעת לטעות בהאמת.**

. . . נחוץ למאוד להעתיק מה שמאריך בזה מרן הגאון הצדיק רשכבה״ג שליט״א בספרו ויואל משה, מאמר שלש שבועות, אות קע״ג . . .

**המערכת:**

לא אלמן ישראל, עוד ישנם רבנים גאונים שליט״א שלא אכלו מכל אלו השחיטות, ונאמנים לברר את הענין בלי נגיעות.

# המזון בהלכה

. . . אחרי שנתעוררו רבים בענין השחיטה שבארצה״ב, ראיתי שנכונים הדברים ומצות לתקן. אחרי שבקרתי בבתי מטבחים שונים וביניהם גם מאלו ששוחטים שם עבור: קהלת עדת ישורן, ליובאוויטש, וויינשטאק־מיעל־מאַרט והנקראת צעהלימער שחיטה — ראיתי שישנה נקודה נחוצה למאוד שאין איש שם על לב, ולא שמעתי ערעור בנידון זה.

ישנו חשש שהסירכות מתנתקים עוד קודם הבדיקה. תהליך הבדיקה „בפען" (ארגז מהודק בעלעקטריק ששם עומדת הבהמה בשעת השחיטה ותתפסת במאשין שלא יתנענע בעת השחיטה) הוא שאחר השחיטה נתפסת הבהמה בשתי רגלי׳ ובכח החזק של הזרם האלעקטרי נמשכת כעשרה אמות למעלה ונשארת תלוי׳ למעלה, בשעת ההמשכה מתנענעת הבהמה לצדדים, כמו כדור.

הרי מבואר בפוסקים שהבדיקה צריכה להיות בעודה שוכבת על הארץ, כי ע״י נענוע והמשכה קודם הבדיקה מנתקים הסירכות. הפוסקים מזכירים איסורם בבני אדם המושכים, אף שאין כוחם חזק כ״כ לנענע הבהמה, ומכ״ש בנידן דידן שהמאשין יותר חזק מכחם של מאה אנשים בודאי לא נתברר להיתר עם הבדיקה שאחרי כן, שאפשר שנעתק הסירכה.

. . . עי׳ פרי תבואה לבעל בית אפרים זצ״ל סי׳ ל״ט אות קכ״ה . . . עי׳ דמשק אליעזר בחולין דף צ״ט ע״א אודות קהלת פינסק, רדב״ז ח״ב סי׳ תש״ה, פר״ח סי׳ ל״ט ס״ק ה׳, זבחי צדק סי׳ ל״ט אות כ״ח, כף החיים סי׳ לט ס״ק ל״ב לבושי מרדכי, חו״מ סי׳ ט׳.

כבר הצעתי שאלה זו אל גדולי הוראה שבזמנינו, רובם לא פסיקא לי׳ מילתא דידן בדבר מבורר. הרבה אסרו, ויש שהניחו בספק, וישנם גם מקילים בדבר.

בבקשה להעתיק שתי תשובות שרצוני לפרסם. בתשובה אחת בולט בפירוש להתיר ובתשובה שני׳ במיוחד לאיסור.

**שמואל שווארצמאן**

ב"ה.

כ' הוו"ח וי"א מוהר"ר וכו' שמוא' שווארצמן יחי'

שלו' וברכה !

במענה על מכתבך, שבו אתה כותב . . . שלפי דעתך יש בזה חשש טריפות ח"ו, ובנית יסודך על ספר פרי תבואה מהגאון המפורסם רא"ז מרגליות זצ"ל, ע"כ כשראית בבית המטבחיים שתולין הבהמה תיכף אחר שחיטה ע"י מאשין הנהוג עתה בפה, נהיית מרעיד דהלא הוא ספק טריפה ח"ו שמא הי' שם סירכות וניתקו ע"י הנענוע, אשאלך ומדוע לא חששת על הבשר שנשחטו בפה טרם הי' המאשין, הלא פה בכל המטבחיים שוחטים הבהמה כשהיא תלוי', ובאמת בכל ערי רוסיא הגדולים ששוחטים שם שחיטה מושכבת על הארץ, אבל אין קושרים שם הרגלים, הבהמה מפרכסת שם מאד עד אשר נשמטת מזוית זו לזוית אחרת, האם כל קדושי ארץ הגאונים והצדיקים מדור שלפנינו נ"ע האם אכלו בשר שיש עליהם איזה חשש טריפה ?

אבל באמת כי דייקת שפיר לשון הפר"ת ובפרט במקורו מספר דמשק אליעזר תראה שלא זו הדרך כמו שאתה מבין שאסרו משום שהקצבים בעת משיכת הבהמה למעלה „הי' מנענעים הראי' ומנתקים הסירכות" ומשו"ה אסרו למשוך הבהמה ולתלות אותה, וביאר בספר זכור לאברהם שלכאורה אם החשש שהקצבים מנענעים, הלא אפי' כשהבהמה מושכבת יכולים ג"כ לנענע ולנתק הסירכות, ומבאר כשהבהמה תלוי' אז אינו יכול הבודק לעשות בדיקת פנים עד אשר יסירו מהבהמה הכרס ובני מעיים והושט, אז בנקל להושיט היד דרך בית השחיטה ולאחוז הקנה ולנענע בחוזק ואז באמת יוכל להנתק הסירכות, וגם כשהיא תלוי' אז בית השחיטה מפורעת ומרווחת ויכול בקל הקצב להושיט ידו דרך בית השחיטה אפי' עד הראי' ולנתק הסירכות אבל כשהיא מושכבת אינו יכול להושיט ידו כמובן והחוש מסייעו, ומעתה מובן ג"כ תשו' הרדב"ז, כי הוא סובר אפי' נניח שהטבח הושיט ידו ואחז בהקנה ונענע אינו מוציא מחזקת כשרות הבהמה וכו'. ומעתה מובן שבניד"ד אין מקום להחשש הזה כי הקצב אינו בנמצא אפי' קרוב לבית המטבחיים והבהמה אינה שלו והוא קונה בשר כשר ולא הבהמה . . .

ובזה אסיים ואומר שלו' תקבל החוה"ש מאדה"ש,

כברכת ידידו הדו"ש

**זלמן שמעון דווארקין**

עש"ק בהעלותך תשל"ז לפ"ק.

אחדשה"ט וש"ת באהבה, יקרתו גם השני קבלתי, ואני תמה לכ' שלא קבל תשובה ואני השבתי במועדו בקצור. ודעתי העני' שבנדון שהציע מעל' יש נענוע גדול עד כדי חשש של נתוק הסירכות כיון שכ' כ' שהבהמה פורחת כמו כדור, ומי בקי בנענוע להכריע שכזאת אינו בספק נתוק הסירכות וכבר כתב בפרי

תבואה סי' ל"ט ס' קנ"ה שאין לבדוק רק בעודה שוכבת על הארץ, ובנ"ד גם אם יבדקו בעודה שוכבת מה מועיל זה כיון שפעולת הנענוע שלפני זה עשתה את שלה, ובענין הנענוע שלפני הבדיקה שהוזכרה בדברי הגאונים מסקנת הפוסקים חי' ל"ט סו"ס יו"ד שאין אנו בקיאין, אע"פ שעושה בשימת לב ע"מ לבדוק כהלכה, מכ"ש בנ"ד, וע"ש בטו"ז ס"ק ט"ו כ' בשם מהרש"ל דאפי' להמתידין נענוע צריך לחתוך הכבד קודם, והיינו כמש"כ בד"ת שם ס"ק שנ"ח כי כבדת הכבד יכולה להשפיע על נתוק שלא כדין, ומכ"ש בנ"ד, ע"כ. . .

והואיל הדברים פשוטים אין מקבלים אריכות.

הריני דוש"ת בידידות מצפה לרחמי ה'

**שמואל הלוי ואזנר**

**שמואל הלוי ואזנר**
אב"ד ור"מ
[illegible]אירה, בני־ברק

ב"ה, יום [illegible]

אחדשה"ט ושת"ה באהבה, יקרת' [illegible] קבלתי - [illegible]
[illegible] - ודעתי העני' בנדון שהב"ע [illegible] נענוע
גדול עד כדי חשש של נתוק הסירכות [illegible]
[illegible] בנענוע [illegible] בספק נתוק הסירכות
ובקי' כ' בפרי תבואה סי' ל"ט ס' קנ"ה שאין לבדוק רק בעודה שוכבת על הארץ,
ובנ"ד גם אם יבדקו בעודה שוכבת מה מועיל זה כיון שפעולת הנענוע שלפני
זה עשתה את שלה, ובענין הנענוע שלפני הבדיקה שהוזכרה בדברי הגאונים
מסקנת הפוסקים חי' ל"ט סו"ס יו"ד שאין אנו בקיאין, אע"פ שעושה בשימת לב ע"מ
לבדוק כהלכה, מכ"ש בנ"ד, וע"ש בטו"ז ס"ק ט"ו כ' בשם מהרש"ל דאפי' להמתידין
נענוע צריך לחתוך הכבד קודם, והיינו כמש"כ בד"ת שם ס"ק שנ"ח כי כבדת
הכבד יכולה להשפיע על נתוק שלא כדין, ומכ"ש בנ"ד, ע"כ [illegible]
[illegible]
[illegible] - הריני דוש"ת בידידות, והואיל הדברים פשוטים אין מקבלים אריכות
מצפה לרחמי ה'
שמואל הלוי ואזנר

חודש כסלו־טבת ה'תשל"ח
קונטרס כ"ב

# שמע בני

אין שנת תשל״ג איז, ווי באוואוסט, געוועזן א טומעל וועגן שחיטות, היתכן ?! מען שעכט אזוי פיהל עופות א שעה ! דער ברייטער ציבור האט גענוצט א דרוק, און אויך די רבנים גאונים שליט״א האבען געהאלטען אז מען זאל נישט שחט׳ן מער ווי א געוויסע מאָס עופות א שעה.

הרה״ג משאקאווע שליט״א האט באגרינדעט זיינע טעמים אין א באזונדערן בריוו, וועלכע מיר דרוקען דאָ איבער :

ב"ה ב׳ כסלו תשל"א

לכבוד הנהלת התאחדות הרבנים, הי"ו
בנוא-יארק

שלו׳ וברכה !

הנה ברצוני לעורר אודות ענין שצריכין להציעו לפני וועד ההנהלה ולפני הנהלה וועד הכשרות,

היות כאשר הייתי בוויינלאנד להשגיח אודות נתינת חותמות של התאחדות הרבנים על עופות, וראיתי השחיטה ההולכת על הליין, אשר כל פעולות בהעופות מתחילה ועד סוף מסובכים ומקושרים לאחרים, ופעולה אחת דוחפת ודוחקת האחרת, הנני רואה נחיצות להגביל על סדר מספר עופות הנשחטים ע"י שו"ב במשך שעה אחת, כי בלא סדרים אצים ומסהרים הפעולות על השו"בים כדי למהר מעשהרווחיון כזה אינו מעלה הן בשחיטה והן בבדיקת הסכין, ובפרט בהרבה שוב"ים, ישנם שוב"ים זריזים ומאומנים לשחוט הרבה בזריזות, וזה יוכל לגרום ח"ו מכשול בהשוב"ים שאינם מאומנים לזה, והסבה והפועלים אשר ראו אומנות השו"ב הזה ממהרים על כל השוב"ים להחיש מעשיהם ולגמור הפעולו במוקדם, כדי להרויח ממון או הרווחת הזמן, ומה יוכל לעשות השו"ב הגה אשר הוא תלוי בכבודו ופרנסתו בהם, ומוכרח לעשות בזריזות ובחטיפה, וכבר לפני התגלל לפני שו"בלפני איזה שנים אודות המצב הזה, ואני אעתיק את הנימוקים שלי והמראה מקומות לזה:

לשון השמ"ח סי׳ י"ח ס"ו שיבדוק מתון מתון וכו׳ ולכן אין למנות ע"ז כ"א יראי ד׳ ביותר והחרדים על דבר ד׳ ואינם נבהלים ונחפזים בדעתם וכו׳, ומה לי אם הוא נחפז מטבעו, או הוא נחפז ע"י אחרים,

בכדי התעוררות של המטה אפרים בסי׳ תר"ת ס"ו שמעורר במוסר בשחיטת הכפרות "שהרצים יצאו רחופים ועו׳ ומקול המונם ראשו נמלא עד שאין לו כוונה לשחיטו רק על דרך הרגל ומות יצאו מכשולים רבים ואין האשמה על השוחט רק על הפוחזים עליו וכו׳- ומה נאמר באם יש לו פוחזים מכל רוח מהבע"ב ומהפועלים החצופים וכו׳

ידוע התקנת של חכמי וצדיקי הדור ז"ל המובא בדרכ"ת סי׳ ל"ח סק"ו אודות שלא יעמוד בעל השור על שורו בעת בדיקת הריאה, שגש חשש גדול שהבעל השור הוא ארון שלו ונותן לו המיחו, ומפילא השו"ב שהוא רך הלבב יוכל לבוא לידי מכשול, ולכן אפי׳ יאמר שו"ב אחר שלו אינו מזיק, והוא עושה כדת, לא יועיל וכו׳, וכ"ש דבר הנוגע לשחיטה ולבדיקת הסכין חסוד הענין ביותר —

ע"כ הצעתי 1.) מקודם לכל לפרסם מכתבי בחוץ שיוכל להביא רק היזק ולא תועלת. 2.) שהועד הכשרות ישאלו לכל שו"ב ביחוד חוו"ד בזה, ולהסכים שלא יבוא לו עיכוב ע"י תשובתו בזה וד"ל 3.) לעשות העתקה ממכתבי ולשלות מקודם להרבנים המכשירים שליט"א, אשר המה ראשונים לגלות חוו"ד בזה. 4.) בוועד הכשרות אגלה יותר נימוקים בזה, - אך יען שנוגע הענין לענין רציני לכן הנני ממהר במכתבי זה.

שמואל אברהם בעלעצקי
שמואל אברהם זעלעצקי

טראָץ דעם וואס הרה"ג משאקאווע שליט"א האט געבעטן מען זאל נישט מפרסם זיין דעם בריוו. זענען מיר געצווינגען געווארען דאס דא איבערדרוקען צוליב צוויי טעמים:

א) געוויסע קוועלן ווילן איינרעדן א טייל פון די מאסען אז אונזערע באריכטען וועגן שחיטות זענען נישט ריכטיג באגרינדעט.

ב) טייל שטעלען פאר די פראגע. פארוואס מען האט נישט גערעדט מיט די רבנים וועגן די פראבלעמען (זעה מדריך נומ. 20 עמוד בט).

אין דעם בריוו ווערן ארויסגעברענגט **אלע** אונזערע טענות בקיצור. מיט עטליכע שורות ווערט דערמאנט דער שורש פון פראבלעם וועלכער איז מסבב אלע אנדערע פונקטען.

צווייטענס: איז דען נישט גענוג די ווענדונג צו רבנים. אז א חבר פון וועד הפועל של התאחה"ר, הרה"ג משאקאווע שליט"א האט פארגעלייגט זיינע טענות, און דערצו געבעטן צו באטראכטען דעם ענין ערנסט און מתקן זיין כדבעי, און עס איז דעמאלט גארנישט געטאן געווארען.

ערשט אין שנת תשל"ג ווען עס איז עפענטליך ענטשטאנען דער באקאנטער שטורם. דערצו האט א באוואוסטער מורה הוראה פון בארא פארק (וואס האט אויך א טייל גענומען אין די ווייטער געמאלדענע אסיפה) גע'דרש'נט ברבים און פארלאנגט תיקונים. דורך דעם האבן די בני ישיבות וועלבע פאלגען אויס זיינע פסקים, אויסגעאיבט א דרוק. נאר דענסמאל האט מען זיך גענומען צו באהאנדלען וועגן תיקונים. נאר די גאס האט געקענט משפיע זיין לטובה!

אלס א דירעקטער רעזולטאט פון דעם שטורם איז פארעפנטליך געווארן די פאלגענדע מודעה אין צייטונג.

**התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא**

# מודעה נחוצה

היות שבשבועות האחרונות יצא קול רינון על העופות הי' נשחטים בבית המטבחיים (טשיקען מארקעט) של הפירמא **ווינלענד כשר פאולטרי "בווינלאנד, יע"א,**

ששוחטים שם מאלף עד חמשה עשר מאות עופות בשעה אחת, ע"י שו"ב אחד.

דין גרמא שביום ג' פ' וארא העל"ט שלחנו משלחת חשובה מארבעה חברי התאחדות הרבנים, הרבנים הגאונים — מססעטקאווא, מטארנאש, כמאקאי, מבאמיר, שליט"א, כדי לחקור דין והשבון בפרטיות ממצב הכשרות על המארקעט הנ"ל.

וביום ג' פ' בא כ"ח לחדש טבת העל"ט נתקיימה אסיפה מחברי ועד ההנהלה — והכשרות שע"י התאחדות הרבנים, באולם האסיפות שלנו, אשר בה נוכחו הרבנים הגאונים שליט"א: מסארנאש מפאפא, מסיגעט, הרה"ג ר' משה צבי ארי' ביק — מיאודיסלאוו, מבאמיר, מכאקאי, מבארטיקאוו, מסאבאטאהעלי, והרה"ג ר' נתן יוסף מייזעלס.

הרה"ג מססעטשקאווא שליט"א נתן דין וחשבון פרטי — בכתב על כל מצב הכשרות של המארקעט, ואחריו מילא את דברו הרה"ג מבאמיר שליט"א בעל פה.

אחרי שנשאו ונתנו הרבנים הנ' שליט"א בכל פרט ופרט,

**נתברר שאין שום ממש בקול רינון הנ"ל חיו,**

**והוא שקר מוחלט,**

כי אין במציאות ששו"ב אחד ישחוט שם בשעה אחת יותר משש מאות עופות. *

והודעה עה"פ שהשוחטים הנה מובהקים ויראי ה', כמו כן המשגיחים. ונוסף על הבעלי בתים מבית המטבחיים של עופות (טשיקען מארקעט) "ווינלענד כשר פאולטרי" הנם שומרי תורה ומצות, וחוץ מהמשגיחים התמידיים מבקרים את המארקעט מזמן לזמן רבנים מובהקים, הנשלחים ע"י ועד הכשרות של התאחדות הרבנים, והכל הוא ב"ה על צד היותר טוב.

**התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא**

Friday, January 25, 1974

*) זעה פאכטשטעלונגען אויף די רינון שחיטות עופות ווינלאנד.

א טייל פון די רבנים וועלכע האבען טייל גענומען (ווי אויך ווי באוואוסט אנדערע רבנים שליט"א) האלטן אז מען זאל נישט שחט'ן מער פון זעקס הונדערט עופות אין איין שעה דורך איין שוחט. גלייכצייטיג זענען דא רבנים גאונים שליט"א וועלכע האלטען אז א מאסען פראדוקציע פון זעקס הונדערט עופות א שעה איז אויך צופיל [זעה בריוו פון ביד"צ מירושלים עיה"ק, אין מדור „המתרחש בעולם הכשרות", מודעה].

אין מדריך נומ. 20 (עמוד כז) האבען מיר באטאנט זייער א וויכטיגען פונקט. מיר ווילען עס דא נאך אמאל איבערחזר'ן: „יעצט איז דער ריכטיגער שעת הכושר מתקן צו זיין די שחיטה אויף צוקונפטיגע דורות. אוועקשטעלן יסודות וועלכע וועלן פארשטארקען און **באווארענען אז די פראבלעמען זאלען נישט פארקומען**".

מיר ווילען באגרינדען אונזערע רייד דורך פארעפענטליכען א וויכטיגען פרט וועלכע איז דן אויפן כלל. באטש מיר האלטען זיך צוריק צו ברייגנען אלע פרטים וועלכע זענען אונז באקאנט אויף פארשידענע שחיטות (אויף וועלכע מיר האבען א באזונדערן חיבור וואס צוליב כבוד אלקים הסתר דבר האבען מיר פארלייפיג דאס נישט פארעפענטליכט געמאכט), איז דאך וויכטיג צו ווארפען א ליכט אויף די ענדערונגען וועלכע ברענגען ארויס א באגריף אויף די שחיטה פראבלעמען.

עס איז לעצטענס דערוואוסט געווארן אז ביי די אויבען-דערמאנטע שחיטה שעכט מען שוין צווישען זיבען און אכט הונדערט עופות א שעה דורך איין שוחט (אזוי האט אויך באשטעטיגט א חשוב'ער מיטגליד פון וועד הנהלה פון התאחדה"ר).

שטעלט זיך די פראגע, וועלכע איז וויטאגליך, און פאדערט אן ענטפער:

1) היתכן אז מען האט נישט מודיע געווען דעם ענדערונג פאר אלע אינטערעסירטע רבנים שליט"א וועלכע האבען זיך באטייליגט אין די אויבען-דערמאנטע אסיפה?

2) פארוואס האט מען נישט געפילט פאר א חוב מפרסם צו זיין דעם אריינגעטרעטענעם ענדערונג פאר דעם ציבור וועלכער פאלגט נאך זייערע רבנים וועלכע האלטען אז מען זאל נישט שחט'ן מעד ווי זעקס הונדערט עופות א שעה.

דעם ענטפער אויף אט-די קשיא האבען מיר שוין אפט מאל מבאר געווען באריכות (מדריך 15, 16, 20):

די עניני שחיטות ווערן מאניפולירט אויף אזא אופן, אז טייל מאל קען דערויף נישט העלפען נישט דער שוחט און נישט דער רב המכשיר.

די איינציגע עצה איז ווי געמאלדען אין מדריך נומ. 20.

---

**לעולם יראה אדם להוכיח את חביריו על דבר שעושה לא טוב כי אם ישמע לו וייטיב את מעשיו אז כל המצוות שיעשה, הם על ידו, ויטול שכר כמו העושה בעצמו. (הגר"א, אבן שלמה פרק ו' סי' ו').**

## הערות הועד

**שחיטת ,,פען״**

אין די לעצטע פאר מדריכים זענן געדרוקט געווארן עטליכע בריוועו וועלכע האבן באריגט שחיטה פונקטן וועלכע זענען נישט באטאנט געווארן דורך דעם וועד׳ס שחיטה באריכטן. אויף די פאדערונג פון די חשוב׳ע לייגער, ווערט דא געברענגט אן ערקלערונג צו באהאנדלען די פראגע פון שחיטת גסות דורך די סיסטעם פון א ,,פען״.

אזוי ווי עס איז קעגען אונזער פרינציפ צו פסק׳ענען שאלות, ווערט דא נישט געברענגט די הלכה׳ישע שטעלונג פון אונזער רבניש׳ן דאט אין דעם ענין. עס ווערט נאר אראפגעבדענגט די פאקטישע זייטן פון דעם פראבלעם.

א – ווי דערמאנט אין מדריך נומי 15 איז אין אמעריקע פארהאנען צוויי אופנים פון מעשה השחיטה ביי בהמות. איין אופן איז דורך אויפהענגען אין דער לופט די בהמה מיט די פוס אויף א קייט. איינס אדער צוויי העלפער האלטן די בהמה בשעת די שחיטה און איינער ציעט די קאפ צום רוקען זייט. די סארט געוופענע, ,,שחיטה תלוי״ איז געווען איינגעפירט זייער לאנגע יאהרן דא אין לאנד. (אויך אין א טייל פלעצער אין די יוראפייאישע שטעט פלעגט ווערן באנוצט דער סיסטעם ביי קעלבער).

ב – די צווייטע אופן השחיטה וועלכע איז ערשט איינגעפירט געווארן די לעצטע פאר יאהרן, איז שחיטת ,,פען״. די בהמה ווערט אריינגעפירט אין א קאסטן. דער גוף אין דער קאפ פון בהמה ווערט אויטאמאטיש באפעסטיגט. מיט א דרוק אויף א קנעפל הייבט זיך אן אייזען וועלכע שטופט און הייבט אויף דעם קאפ כדי דער שוחט זאלל קענען שחטן.

ג – נאך די שחיטה ווערט די בהמה ארויסגעשלעפט מיט זייער א שטארקען עלעקטרישען כח, מיט די פוס, ארויף אין דער לופטן.

ד – די שחיטת ,,פען״ האלטן די שוחטים פאר א מעלה, ווייל די בהמה איז גוט באפעסטיגט און שאקעלט זיך נישט בשעת די שחיטה, (מען דארף נישט האלטן די בהמה מיט מענטשליכע כחות) [ווי עס קען זיך פאסירן ביי שחיטה תלוי״ אויב מען האלט נישט גענוג פעסט די בהמה].

ה – דאס וואלט געווען ריכטיג ווען די שחיטה גייט אויף א געלאסענעם אופן. אבער ביי א שנעלע שחיטה גייט אלעס אזוי גיך אז עס טרעפט זיך אז דער ארבייטער דרוקט דעם קנעפל צו הייבן די קאפ פון בהמה דורך די מאשין בשעת די שחיטה. ווייל דער ארבייטער האט א ,,רימאָט קאנטראל״ (דערווייטערטע באזונדערע קאנטראל – Remote Control) דער שוחט ווייסט נישט ווען דער גוי–ארבייטער וועט דרוקן דעם קנעפל אויפצוהייבן אדער נודערן דעם קאפ פון בהמה.

עס איז פעסטגעשטעלט געווארן אז ביי די מאסען גלאטע שחיטות קומט פאר די ערמאנטע ערנסטע פראבלעם. און עס איז א פאקט אז דער שוחט איז דאס מכשיר. עס איז גענוג ערנסט די פראבלעם, און כמובן זייער וויכטיג אז עס דארף **גענומען ווערן א שטעלונג לגבי דעם מכשול וועלכע איז א תוצאה פון מאסן פראדוקציע.**

ו – די נאכטייל וועלכע מיר האבן דערמאנט ביי שחיטה תלוי׳, אז עס איז מעגליך אז די בהמה שאקעלט זיך בשעת די שחיטה איז מער אקטועל ביי א שנעלע שחיטה. ווייל, נאך דעם ווי מען הענגט אויף די בהמה אין די לופט מיט די פוס קעמפט די בהמה מיט א רעבעלישע ווידער שטאנד. און נאך א פאר מינוט הענגענדיג מיט די קאפ פון אונטן, וואקעלדיג, ווערט אפגעשוואכט דער כח פון די בהמה. און גיט זיך אונטער בלייבענדיג געלאסן. דאן העלפט שוין דאס וואס די ארבייטער האלטן אן די בהמה בשעת מען שחט.

ז– די ריכטיגע פראבלעם פון שחיטת „פען״ איז נישט באופן ספק ושמא (אפשר וועט דער גוי עס רירן בשעת די שחיטה און מען וועט עס מכשיר זיין) נאר א ווירקליכע זיכערע שאלה. די שאלה מאכט זיך דורך דעם וואס די בהמה ווערט ארויף געווארפן מיט א שטארקן עלעקטרישן כח נאך די שחיטה. די בהמה ווערט געטרייסעלט אין עס קען זיך אראפ רייסען די סירכות באפאר די בדיקה.

די פוסקים אסרן אזא בדיקה וועלכע איז געמאכט געווארן נאך דעם ווי מען האט געשלעפט די בהמה נאכן שחטן. דער איסור איז געזאגט געווארן אפילו מען שלעפט מיט מענטשליכע כחות וועלכע קומען בכלל נישט אין פארמעסט מיט די עלעקטרישן כח, ומכ״ש ביי דעם אופן ווי דער כח איז אויסערגעווענטליך שטארק און עס שאקעלט ווי א באל. (זה מדריך 22 עמוד 4).

עס איז פעסטגעשטעלט געווארן אז פיעל רבנים שליט״א אסרן די שחיטה „פען״ צוליב די פעולה. דער היתר פון די מקילים איז נאך נישט מבורר.

ח – עס קען מעגליך זיין אז די פעולה, איז אויך דער סיבה אויף די באוואוסטע רעטעניש, פארוואס ביי שחיטה „פען״ ווערן מער בהמות גלאט. העכער 40%, און לעומת זה ביי אנדערע אופני השחיטה איז נאר גלאט לערך 25-30%.

די פראגען אין הערוה מוזן גוט באטראכט ווערן באפאר מען ערלויבט זיך צו עסען פון דעם סאדט נייע אויפגעקומענע גלאטע שלאכט הייזער.

**חודש סיון תמוז ה׳ תשל״ח   קונטרס כ״ה**

---

* * *

ראוי לאדם להסתכל במה שאוכל ועי״ז ינצל מכמה תולעים, ומעיד אני עלי שכמה וכמה פעמים ניצלתי עי״ז ב״ה. (חכמת אדם, הלכות תולעים, כלל ל״ח סי׳ כ׳).

# דרינגענדע אזהרה

לעצטענס האט זיך (צוליב פארשירענע סיבות) פאַרמאַכט די באקאנטע „קראס בראדערס" (Cross Bros) גלאטע שחיטה, וועלכע איז געווען אונטער די אָ־יו השגחה. פילע יאהרן האט די דערמאנטע שחיטה באזאָרגט צענדליגער גלאטע האטעלן, רעסטוראנטן, און פלייש־בענק וועלכע שטייען אונטער די אָ־יו השגחה. (זע מדריך נומ. 14 פרטים וועגן די שחיטה).

די איבערגעבליבענע גסות־שחיטה וועלכע ווערט באשטעטיגט דורך די אָ־יו צו באנוצען אין זייערע אונטערנעמונגען קענען נישט צושטעלן גענוג גלאט פלייש פאר זייער געברויך [ווייל אויך די שענדליכע „סאנפלוער שחיטה", וועלכע איז אויך געווען אונטער די אָ־יו השגחה, האבן זיי געמוזט געגן זייער ווילען צושפארן צוליב דעם פערזענליכן דרוק פון הרב סאלאווייציגפון באסטאן].

אז די קוועלע פון גלאטע פלייש האט זיך אפגעשטעלט, בלית ברירה, מוזען זיך די אָ־יו „גלאט" האטעלן און רעסטוראנטס ווענדען צו די סתם „בשר כשר". זיי קענען נישט און ווילן נישט פארמאכן זייער געשעפט צוליב אן ענגשאפט אין גלאט פלייש.

רבותי! זייט נזהר! אפילו די וועלכע האבן נישט געקענט עומד בנסיון זיין און האבן גענוצט „אָ־יו גלאט" פלייש אדער זייערע האטעלן ביז היינט, זאלן וויסן אז דער מצב האט זיך אינגאנצען געטוישט לגריעותא און עס איז שוין בכלל נישט דאָ אויף וואס זיך סומך זיין. די אזוי גערופענע „אָ־יו גלאט" ערטער, קויפן שוין היינט צו טאג פון בשר כשר, וועלכע קענען זיין נבילות וטריפות ממש.

מען מוז אויך באטאנען די אומפאראנטווארטליכקייט פון די אומפאר־לעסליכן אָ־יו ארגאניזאציע. וויסענדיג פון די דערמאנטע שחיטה פאַרשפאַרונג און דערצו די מעגליכע תוצאות דערפון, האבן זיי נאך אלץ נישט מכריז געווען אדער איבערגעגעבן פאר די ברייטע מאסען דורך די פרעסע וועגן דעם ענין. דאס איז א המשכה פון זייער אלגעמיינער סדר. זע מדריך נומ. 14.

**אנא! חוסו נא על נפשכם!!!**

**גלייכצייטיק איז וויכטיק מעורר צו זיין אז אפילו ביי די ערטער וואו די פראדוקציע פון גסות שחיטה איז געווארן ווינציגער, איז נאך אלץ נישט געווארן א פארבעסערונג לגבי כשרות.**

**די ענדערונג אין סדר איז געווען צוליב א טעכנישע סיבה און נישט וועגן א כשרות־פונקט.**

**די רגילות פון די שטענדיקע בודקים צו מאכן שנעלע בדיקות, איז מונע פון אויסנוצען די געלעגנהייט און מאכן א פאָרשריט לגבי כשרות. דאס איז לײדער טראץ דעם וואס מען שעכט אביסל ווינציגער.**

# הערות, מענין לענין באותו ענין

## „זאל כאטש נישט זיין ווינציגער ווי גענידלטע עופות"

ווען עס האט זיך געמאכט דער טומעל וועגן די מנהגים פון ניקור, און שפעטער וועגן די גענידלטע עופות, האט מען געזעצט א בי"ד מיט חשוב'ע רבנים מברר צו זיין די פראגע און מען האט געמאכט א טראַסק; מען האט אפילו געשיקט צוויי שליחים אויף קהל'ס חשבון, קיין ארץ ישראל, דורכרעדן דעם ענין מיט דעם ביד"צ דעדה החרדית, ווייל זיי האבן גע'אסר'ט די עופות. מען האט אויסגעהערט א דין-וחשבון פון פאַך-לייט, ווי אזוי, וואס, און ווען, א.ד.ג. און מען האט מודיע געווען ברבים די תוצאה פון די אויספאָרשונג.

פרעגט זיך די פראגע: אויב אויף א קליינעם פרט פון שחיטה האט מען געהאלטן פאר א חוב מברר צו זיין, על אחת כמה וכמה ווען עס האנדלט זיך בנוגע די אינערליכע פונקטן פון שחיטה, דארף מען זיכער מברר זיין מיט אן אויספירליכן אונטערזוכונג.

דער פראבלעם איז דער יסוד ושורש אויף וועלכע יראי השם קלאָגן אויף די היינטיקע שחיטה אין אמעריקע, ה"ה „מאַסן פראדוקציע" [וואס דאס האט אויך די עדה החרדית גע'אסר'ט ווי געמאלדן אין „מדריך" נומ. 20].

פיל מען האט מען שוין תובע געווען א דין תורה און / אדער א בירור מתוך חקירה ודרישה. ווען עס האט שוין אויסגעזען אז אט-אט וועט מען אנהויבן מברר צו זיין צום בית-דין, האט זיך געמאכט א שטארקער ווידערשטאַנד פון דעם אזוי גערופענעם צד שכנגדו. דער תירוץ אויף די פראגע, איז זעלבסטפארשטענדליך, אויף פרטים וועלכע מען האט געוואוסט אז די תוצאות פון א דין-וחשבון פאר א בית-דין, וועט נישט כאפען קיין נפקא-מינה צו אסר'ן אדער ענדערן דעם סיסטעם. איבערהויפט אז מען האט שוין געוואוסט דעם פסק למפרע, האט מען אוודאי געקענט ביישטיין און געהאט אן אינטערעס אז מען זאל מודיע זיין אז אלעס איז בסדר.

אבער אויף א דין-וחשבון וועלכער וועט מברר זיין איבערראשונגע קאנסעקוועצן און מעגליך וועט מען מוזען מאכן גרויסע ענדערונגען, צו דעם איז קיינער נישט גרייט.

כמאז ועד עתה מוז מבורר ווערן דער דעת-תורה האמיתי ווי אזוי מתקן צו זיין די שחיטה אז עס זאל נישט זיין ארומגענומען מיט שאלות, חששות, דחוקים, אומאויסמיידליכע פראבלעמען, און תירוצים; עס זאל זיין אוועקגעשטעלט אויף א סדר נכון, בטוב טעם ודעת, אויף וועלכע די חרדים לדבר ד' זאלן נישט קענען האבן קיין האַרץ-רייסענדיגע טענות. און בעיקר מען זאל קענען עסן די פלייש מיט א רואיג געוויסן; דער „יאכלו ענוים וישבעו" זאל זיין אויף אן אמת, נישט נאר אויף פאפיר.

אויב דער ענין וועט ח"ו נישט מתוקן ווערן, וועט דאס בלייבן א מכשול לדורות, חס מלהזכיר. מיר דארפן זיין גרייט, בכל כוחינו, מתקן זיין באיזה אופן שיהי', און מיר זענען זיכער אז איר, די חשוב'ע לייגער, וועלן צוהעלפן, למען כבוד שמים, ולטובתכם.

## „נייע פאַרב אויף פאַרפוילטע האָלץ״

אזוי ווי עס וועלן בעזהי״ת ארויסטרעטן עטליכע קהילות אוועקצושטעלן אייגענע שחיטות כדי מתקן צו זיין די מאסן־שחיטה וועלכע זענען „ביזנעס אריאנטירט״, ליגט א חוב מעורר צו זיין א וויכטיקע נקודה.

ווען מען וויל איינשטעלן א נייע שחיטה לטובת הציבור און נישט להנאת ממון, מוז דאס זיין מיט א סדר נכון אז מען זאל קענען אויספירן די שחיטה ובדיקה מיט מתינות און ישוב הדעת ווי עס פארלאנגט זיך עפ״י שו״ע לגבי בדיקת הסכין ובדיקת הריאה. דאס קען דערגרייכט ווערן דורך א שחיטה פון בערך זיבן ביז צען בהמות א שעה צו צוויי שוחטים, און 200־300 עופות צו איין שוחט.

אוודאי וועלן זיך די אזוי־גערופענע „עקספיריענטע״ שוחטים ובודקים אויסלאַכן, זיי זענען געוואוינט צו „מאסן פראדוקציע״. זיי זענען, נעבעך, אינגאנצן אפגעוואוינט פון אזא זאך ווי מתינות, ישוב הדעת, הרגשה א.ד.ג. זייער הרגל האט זיי זייער דערוויטערט פון אזעלכע וויכטיקע קוואליפיקאציעס. לפי שיטתם זענען די פונקטן צום העסטן נאר א חומרא אדער איידעלע השגות, אבער אז מתינות זאל זיין א נחיצות, לאזט זיי דאס האַרץ נישט פארשטיין, ווייל, אם כן, האבן זיי אלע יארן געארבייט שלא עפ״י הלכה.

דעריבער ווען א נייע שחיטה וועט אויפנעמען א שוחט ובודק וועלכער איז געוואוינט צום אלטן איינגעגעסענעם סדר, „לא הועילו חכמים בתקנתם״. דעמאלט איז שוין בעסער נישט אנצופאנגען, ווייל דער ציבור וועט מיינען אז די נייע שחיטה איז בעסער.

די תקנה איז, אז דער שוחט ובודק זאל נאכאמאל דורכגיין דעם גאנצן סדר פון ווערן א „נייער״ שוחט. ער דארף זיך געוואוינען צו ריכטיקע הרגשה דורך מתינות. ער דארף מקבל זיין דבדי חברות און מעד נישט ארבייטן ביי מאַסן בדיקות אפילו אלס א צייטווייליקער פארטרעטער, ווייל דעמאלט געוואוינט ער זיך אָפּ פון ריכטיקע הרגשה. מען דארף דעם שוחט נאכאמאל געבן הודעה.

**„חרדישע שוחטים״** ? ביי היימישע שוחטים (נישט נאר ביי די O.U., אָ־יוּ) זענען אויך פאראנען אזעלכע וועלכע זענען נישט נאר ווייט פון זיין א ירא שמים **מרבים**, נאר בכלל א שוואכער ירא שמים. איינער שפילט גאנצע נעכט, ארומגענומען מיט אום־מאַראלישע געזעלשאפט, אויף א צווייטן העדט מען א קלא דלא פסק, וד״ל.

ביי די חרדישע שחיטה פון עופות האט מען לעצטענס געהאלטן ביים מעביר זיין א שוחט, צוליב זיין אויסערגעוויינליכע שנעלקייט פון שחיטה. ער האט ממש טעראָריזירט די אנדערע שוחטים.

ב"ה וואס עס האבן זיך געפונען לעצטנס שוחטים וועלכע האבן אויפגעגעבן זייער פאָסטן, ווייל זיי האבן איינגעזען אז די טענות געגן שנעלע בדיקות זענען ריכטיקע און האבן נישט געוואלט נעמען אחריות דערויף.

## „היינטיקע זיכערקייט"

ביי די גסות שחיטה (חרדישע) האט מען לעצטענס נישט געקענט שחט'ן אין געווענליכן שלאכט־הויז, זענען די שוחטים געפאָרן א גאנצע נאכט און דערנאך גע'שחט'ן ביי א פלאץ וואו מען שחט 90 בהמות א שעה. ווי אזוי זענען געווען: **בדיקת הסכין**? ... **הרגשות**? ... **בדיקת הריאה**? ...: **חשש דרסה צוליב מידקייט**? ... **און דערצו מיט א קלאר געוויסן!**

דער טור שרייבט אין יו"ד סי' קפ"ג „משרבו הגליות ותכפו הצרות ונתמעטו הלבבות, חשו שמא יבאו לטעות". דאס איז געווען בימיו. אבער בזמנינו, קען מען אויף זיין א גאנץ נאכט, ארבעטן א שווער ארבעט מיט אויסערגעוויינליכע שנעלקייט, אויספירן מלאכות וועלכע פארלאנגען גרויס דקדוק, און טראץ דעם „**נתרבו** הלבבות, ולי׳ חשו שמא יבאו לטעות".

## „נישט נוגע צו אונזער שחיטה"

ווען מען האט באשריבען די פראבלעמען פון אומפאראנטווארטליכע האָלסיילער ביי די גלאטע שחיטות, האבן מיר באטאנט אז טייל פון זיי קענען מעגליך טוישען פלאָמבעס. דאס איז געווען באגרינדעט דורך פאקטן וועלכע האבן פאסירט עטליכע מאל.

איין האָלסיילער האט מען שוין צוויי מאל געכאפט מיט די עוולה פון טוישען פלאמבעס. נאטירלעך אז בפרטות האט מען זיי געמיינט (ביי אנדערע האט מען שוין אויך געכאפט אבער זיי זענען נישט געווען נחשד אויף אזא גרויסע מאס).

ווען דער מו"צ וועלכער איז געווען בעל אחראי אויף דעם געוויסן האָלסיילער [אונטער די השגחה פון זייער קהילה] האט דורכגעקוקט די שחיטה־באריכטן פון מדריך, האט ער נישט ארויסגעוויזן גרויס זאָרג איבער די פארצווייגטע פראָגעס פון היינטיקן סדר השחיטה, כאטש זיי אליין האבן געוואוסט אז דער האָלסיילער איז נחשד. מיט א קורצע צייט שפעטער האט מען דעם האָלסיילער נאכאמאל געטראפן מאכן דעם זעלבן פעלשונג מיט פלאמבעס, האט מען שוין בלית ברירה געמוזט אראפנעמען די השגחה.

## ענדערונגען

א טייל פון די פאקטן וועלכע זענען באשריבן געווארן אין פריערדיגע מדריכים האבן זיך היינט צו טאג געענדערט. די שינויים זענען געמאכט געווארן דורך די איינריכטונג פון די בעלי־בתים צוליב זייער אייגענער געשעפטליכער אינטערעס, אדער ווייל מען האט נישט געקענט אנדערש אויסשטעלן דעם סדר השחיטה ובדיקה. גלייכצייטיק האט זיך אויך געענדערט דער כשרות־סטאנדארט צו א געוויסע מאָס לטובה.

וויסן דארף מען, אז ביים ערשטן געלעגנהייט וועט פאר די שלאכט הייזער וועט בעסער אויסקומען צו טוישן צום אלטן סדר, אדער שחט׳ן א גרעסערע צאָל, וועלן זיי דאס ענדערן און זיך נישט רעכענען מיט די כשרות־פונקטן וועלכע ווערן נשתנה לגריעותא צוליב דעם טויש, ווייל דער ערשטער טויש לטיבותא איז אויך נישט געווען מיט א כוונה צו כשרות.

---

## IMPORTANT NOTICE

The Termination of the Cross Brothers OU Glatt shechita has brought about a catastrophic vacuum at the OU glatt level. Dozens of hotels, restaurants, butchers under the "OU Glatt" banner can not obtain glatt meats. The other existing source of glatt meats can not meet the demand to accomadate even the smallest fraction of OU glatt hotels, restaurants etc.

Due to lack of supply, the so called "glatt" enterprises have been forced to switch to non glatt meats. Meanwhile the OU kashrus administration has not taken the initiative to notify the public by any means about the closing of their largest shechita and the consequence that had arisen. (The Subsequent Dilemma see Madrich # 22).

*very careful with barley, oats and cereals which are not fresh. Water and vinegar, unless known to be pure, require straining. There are certain fish which have worms attached to their skin and heads at certain periods during the year, and one must learn how to inspect them.*

GENERAL RULES CONCERNING "TREIFA"

1. *If, on opening a chicken, one finds a nail or needle or something similar in one of the inner organs; or a perforation even without a nail; or finds the appearance of an internal organ changed because of some blow or wound; or finds blisters on the intestines; or finds the gall-bladder missing — then in each of these cases one must consult a competent Rabbi.*

2. *Similarly if one finds a leg or wing broken, a Rabbi should be consulted.*

Reprinted from the English translation of "ish ubeiso" by A. Kitov. Translation by Rabbi Nathan Bullman. Published and copy righted by Shengold Publishers, N.Y.C..

This is to advise the public that I am no longer certifying the Kashruth of

**Muench Meat Packing Co.**
**of Trenton, N.J.**

Signed:
**Rabbi Meir Stimler**

**IMPORTANT NOTICE**
**ONLY those peanut chews produced by**
**Goldenberg Candy Company**
**which bear our (K) seal of Kashruth on the label**
**are endorsed by O.K. LABORATORIES**
**O.K. Laboratories**

## THE IMMERSION OF UTENSILS

1. *Metal or glass utensils made by a non-Jew, even when bought from a Jewish store, require ritual immersion in a Mikveh or in a river, or the sea, before being used.*

2. *Utensils used by a non-Jew or Jew who did not observe kashruth require "kashering" at the direction of a competent Rabbi.*

3. *New utensils made by a Jew never need ritual immersion, even if made by a Jew who does not observe kashruth.*

4. *On immersing utensils which require immersion, one first says the blessing, "Blessed art Thou, o Lord, our God, King of the Universe, who hath sanctified us with His commandments and commanded us concerning the immersion of utensils."*

5. *Earthenware pots or china-ware which are covered with lead require immersion, but no blessing is said before immersing them.*

6. *One is not allowed to immerse utensils on Sabbaths or holidays.*

## THE PROHIBITION OF WORMS AND INSECTS

1. *There are four species of locusts which the Torah permits for food. But all other worms or insects, such as ants, bees, flies, and the like, are forbidden.*

2. *For this reason any foodstuff or drink which might contain worms, must first be carefully inspected for worms or worms' eggs. All worms or worms' eggs must be removed; and if it is not possible to remove them all, then the whole food or drink is forbidden.*

3. *Worms and insects are often to be found in figs, dry dates, plums, apricots and apples, and nuts. Oranges and grape fruits have worms at the end of the season. Flour which is not fresh needs careful sifting. Lettuce and cabbage require careful inspection. Lentils, beans and peas require inspection — every one which has a hole should be removed. Old Matzah requires inspection. One must be*

*meal. A division must be made in the meal by saying grace after the milk portion, rearranging the table, and setting it a second time for the meat.*

